STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05144

SOVETISHE YIDN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ № 9–10

ביילאַגע צו די זשורנאַלן נומ. 10—9, 1980

סאָוועטישע ייִדן: פאַקטן און ציפערן

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ • מאָסקווע • 1980

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע

פון אר ן ווערגעליס

דאָס לעבן פון די יידן אין פסטר רופט ארויס א אינטע־רעס אדאנק די נײַע וועגן פאר דער יידישער באפעלקערונג, וואָס זײַנען אויסגעשפרייט אין אונדזער סאָוועטישער עפּאָכע. אָפט טרעפט מען זיך אָן, צום באדויערן, אויך מיט שעקער־פּראָפּאָגאנדע ארום דער דאָזיקער פראגע אין דער אויסלענ־דישער פּרעסע. דאָס אלץ איז די סיבע פון דעם, וואָס מיר האָבן באשטימט צונויפזאמלען אין דער דאָזיקער בראָשור מאטעריאלן, פארעפנטלעכטע אין זשורנאל „סאָוועטיש היימ־לאנד" און אין אויסגאבעס פון דער פּרעסע־אגענטור „נאָ־וואָסטי", וועלכע העלפן צו שאפן א וואָרהאפטיק בילד פו־נעם הײַנטצײַטיקן מאצעוו פון די סאָוועטישע יידן.

ייִדן אין פּסקר

(היסטאָרישע ספּראווקע)

אויף דער איצטיקער טעריטאָריע פון פּסקר האָבן ייִדן זיך באוויזן נאָך אין טיפן אלטערטום. געלערנטע האָבן פעסטגעשטעלט, אז נאָך מיט הונ־דערטער יאָרן ביז אונדזער צײַטרעכענונג (נאָכן כורבן פונעם ערשטן בייס־האמיקדעש) איז א טייל ייִדן פון פּאלעסטינע דערגאנגען צו די ברעגן פון קאָלכידע און באזעצט זיך אויף קאווקאז. לויט היסטאָרישע קוועלן האָט צו דער צײַט פונעם באר־קאָכבא־אופשטאנד (אין יאָר 132 פון אונדזער צײַטרעכענונג) געלעבט אין גרוזיע שוין א היפּשע קאָמפּאקטע ייִדישע באפעלקערונג. דאָס קאָן מען זיך דערוויסן פון די ארכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען אין מצכעטא — דער אוראלטער גרוזינישער הויפּטשטאָט.

אויף דער טעריטאָריע פון קיִעווער רוס און ליטע האָבן ייִדן זיך באַ־זעצט אומגעפער אין XIII יה. אין אָנהייב פונעם XV יה. האָבן זיך באוויזן ייִדישע קעהילעס אין ווײַסרוסלאנד. אין דער געשיכטע פון דער מאָסק־ווער רוס באלאנגט די ערשטע דערמאָנונג וועגן ייִדן צום יאָר 1474. ווי עס איז צו זען פון די היסטאָרישע אָנגאבן, האָט א היפּשער טייל ייִדן פון מיטל־אייראָפּע, וועלכע זײַנען געטריבן און פארפאָלגט געוואָרן מיצאד דער אינקוויזיציע און רעליגיעזע פאנאטיקער, זיך געראטעוועט און גע־פונען א מאָקעם־מיקלעט אין רוסלאנד.

הארט ביז דער מאָנגאָלישער אינוואזיע אין רוסלאנד (XIII יה.) האָבן פיל ייִדן זיך קאָנצענטרירט דעריקער בא די ברעגן פון די טײַכן וואָלגע, דאָן, דניעפּער. נאָך דעם, ווי די טאָטערן האָבן כאָרעוו געמאכט דאָס קיִע־

ווער גרויספירשטנטום, איז די מערהייט פון דער יידישער באפעלקערונג אנטלאָפן קיין פוילן.

אף דער טעריטאָריע פון פוילן, וואָס זיינען מיזרעכדיקער און צענטראַלער טייל זיינען אין סאָף XVIII יה. אריין אין באשטאנד פון רוסלאנד, האָבן פון אוראלטע צייטן אָן אויך געלעבט היפשע מאסן יידן. אָפיציעל האָבן זיי געהאט דאָס רעכט צו נוצן זיך מיט אלץ, אזוי ווי די היגע באַפעלקערונג. דאָס דאָזיקע „רעכט" איז אָבער ניט רעאליזירט געוואָרן.

אינגיכן זיינען די יידן אינעם צארישן רוסלאנד, לויט דער פאָדערונג פון די קירכע־לייט און שפעטער באם אקטיוון דרוק פון דער וואקסנדיקער בורזשואז־פריצישער אָליגארכיע, ארונטערגעפאלן אונטער די ספעציעלע געזעצן, וועלכע האָבן פאָרויסגעזען באגרענעצונגען, רעזערוואציעס און פארבאָטן. פאר די יידן איז איינגעפירט געוואָרן דער אזויגערופענער „טכום־האמוישעוו". זיי האָבן ניט געטאָרט וווינען אין גרויסע שטעט, בלויז אין די קליינע שטעטלעך פון עטלעכע מיזרעוו־גובערניעס פון דער רוסלענדישער אימפעריע, און ניט געטאָרט זיך פארנעמען מיט ערד־ארבעט. זייער גרונט־באשעפטיקונג איז געווען האנדל און קוסטארע מעלאָכעס. די באוווסטע פראָצענט־נאָרמע האָט באגרענעצט זייער רעכט אף בילדונג. בלויז אַ ביז גאָר קליינער טייל רייכע יידן, ווי אויך געשמאדטע, וועלכע האָבן אָנגענומען די קריסטלעכע עמונע, זיינען באפרייט געוואָרן פון די באגרענעצונגען און פארבאָטן.

דער באוווסטער רוסישער רעוואָליוציאָנערער טוער און פובליציסט אנאַטאָלי לונאטשארסקי האָט געשריבן וועגן דער לאגע פון די יידן אינעם צארישן רוסלאנד: „דער גרונט־טייל פונעם דריימיליאָניקן יידנטום אין רוסלאנד[1] איז פון דאָר צו דאָר דערפירט געוואָרן צו דער לאגע פון קראנקע מענטשן מיט שוואכע לונגען, קורצזיכטיקע, פאָרמאטערטע פון דער שלעכטער לופט און שלעכטער דערנערונג, שוואכע, בידנע מענטשן, וועלכע האָבן געקאָנט זיין בלויז שוסטער, שניידער אָדער קליינע הענדלער, און מער האָבן זיי גאָרנישט ניט געקאָנט זיין. די יידן האָבן געמוזט זיך „דערנערן מיט לופט", געהאלטן אין איין שארפן דעם מויעך וויאזוי

---

[1] אין דער דאָזיקער ציפער גייען אויך אריין די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין די מיזרעכדיקע און צענטראלע ראיאָנען פון פוילן.

רעד.

צו געפינען ערגעץ א שטיקל פּאַרנאָסע, פון וועלכער מע זאָל קאָנען אליין לעבן און שפּייַזן דאָס געזינד. זיי זייַנען געוואָרן א פאָלק, ווו די שטערבלעכקייַט פון קינדער איז א קאַלאָסאלע, א פאָלק, וואָס לייַדט פון א גרויסער צאָל קרענק, לעבט אין אזא שמוץ, אזוי אנטיהיגיעניש, וואָס דערשיטערט".

אין אָנהייב XX יה., ווען אין רוסלאנד האָט זיך אָנגעהויבן אן אופשטייַג פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, האָט די צארישע רעגירונג געפּרוווט באווסטזיניק און מעטאָדיש ריכטן די אומצופרידנקייַט פון די פאָלקסמאסן אפּן וועג פון אנטיסעמיטיזם. די סינע צו די ייִדן איז אייַנגעשפּאַרט קולטיווירט געוואָרן מיט דער הילף פון דער קירך, פון דער שול, פון רעאקציאָנערער ליטעראטור, יודאָפאָבסטווע, פּראָוואָקאציאָנעלע אויסטראכטענישן וועגן ייִדישע ריטואלן (אליליאס־דאם) אאוו. די אָפּגעשטאנענע און באלעבעסלדיקע עלעמענטן, פּראָוואָצירטע דורך די צארישע מאכט־אָרגאנען, האָבן געמאכט פּאָגראָמען און שכיטעס אף ייִדן. די צאָל קאָרבאָנעס פון דער אנטיסעמיטישער פּאָליטיק פונעם צאריזם האָט דערגרייכט פיל טויזנטער.

דער קאמף פון די באָלשעוויקעס קעגן דעם ציִעניזם און אנטיסעמיטיזם

דער ווּקס פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין אייראָפּע סאָף פאָריקן — אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט האָט אָנגעיאָגט א פּאכעד ניט בלויז אף די רעגירנדיקע קרייַזן אין אייראָפּע, נאָר אויך אף דער ייִדישער גרויס־בורזשואזיע. און אויב די מאכט־אָרגאנען פון די אייראָפּעיִשע מעלוכעס האָבן געזוכט מיטלען, ווי אָפּצוציִען די ארבעטנדיקע פונעם רעוואָליוציאָנערן קאמף, צעשפּאלטן און אָפּשוואכן זיי דורך צעבלאָזן דעם אנטיסעמיטיזם (דער „דרייפוס־פּראָצעס" אין פראנקרייַך, די פּאָגראָמען און דער „בייליס־פּראָצעס"[1] אין רוסלאנד), האָט די ייִדישע בורזשואזיע מיטן

[1] דעם „בייליס־פּראָצעס" (1913) האָבן פאַרפירט די צארישע מאכט־אָרגאנען, אויסטראכטנדיק, אז דער ייִד בייליס האָט דערהארגעט א קריסטלעך ייִנגל צוליב ריטואלע צוועקן. דער פּראָצעס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אונטערן דרוק פון די ברייטע שיכטן פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער עפנטלעכקייַט. (רעד).

זעלבן ציל צעבלאָזן דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם. גראָד צו אָט דעם פּעריאָד באַלאַנגט די אַקטיוויזירונג פונעם פּאָליטישן ציִעניזם אַלס אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע.

וו. אי. לענין האָט אָנגעוויזן אף דער ענגער פּאָליטישער קעגנזײַטיקער פאַרבינדונג פונעם ציִעניזם און דעם אַנטיסעמיטיזם. ער האָט אָפּגעמערקט, אַז דער ציִעניזם איז בלויז אויסערלעך אַ קעגנזאַץ צום אַנטיסעמיטיזם, אין טאָך אָבער שטעלט ער זיך אַ ציל פאַרפעסטיקן די געיאַרשנטע פון דער שענדלעכער פאַרגאַנגענהײַט געטאָ־ווירקלעכקײַט.

באַטאָנענדיק די נייטיקײַט פון פולער איינהײַט צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, האָט וו. אי. לענין אָנגעוויזן, אַז די פולע איינהײַט צווישן דעם ייִדישן און ניט־ייִדישן פּראָלעטאַריאַט איז באַזונדערס נייטיק אויך פאַרן דערפאָלגרײַכן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. ווענדנדיק זיך צו די בונדאָווצעס, האָט וו. אי. לענין גערופן זיי צו פאַרשטיין „די בעפיירעשע פאַרבינדונג צווישן דעם אַנטיסעמיטיזם און די אינטערעסן גראָד פון דער בורזשואַזיע, ניט פון די אַרבעטער־שיכטן פון דער באַפעלקערונג” (פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 7, ז. 121).

וו. אי. לענין און די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט, זײַנען פון סאַמע אָנהייב אַנטשיידן און קאָנסעקווענט אַרויסגעטראָטן קעגן יעטווידע דערשײַנונגען פון אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע פון די ייִדן.

אין 1914 האָבן די באָלשעוויקעס, לויט דער איניציאַטיוו פון וו. אי. לענין, אַרײַנגעטראָגן אף דער באַטראַכטונג פון דער IV מעלוכע־דומע פון רוסלאַנד אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן נאַציאָנאַלער גלײַכבאַרעכטיקונג. אינעם דריטן פונקט פון דעם דאָזיקן דאָקומענט איז געזאָגט געוואָרן: „עס ווערן אָפּגעשאַפן אַלע און אַלערליי געזעצן, צײַטווײַליקע קלאָלים, באַמערקונגען צו די געזעצן... וועלכע באַגרענעצן די ייִדן אין וועלכער־ניט־איז ספער פון געזעלשאַפטלעכן און מעלוכישן לעבן”.

ריידנדיק וועגן דעם דאָזיקן געזעצפּראָיעקט, האָט וו. אי. לענין אין דעם זעלבן 1914 יאָר באַטאָנט, אַז די ייִדן־פּראַגע קאָן געלייזט ווערן בלויז צוזאַמען מיט די איקערדיקע סאָציאַלע און דעמאָקראַטישע פּראַגן, וועלכע שטייען אף דער טאָג־אָרדענונג אין רוסלאַנד. זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט ער אָנגעוויזן, אַז די באָלשעוויקעס האָבן ניט דערוואַרט פון דער נאַציאָנאַליסטישער IV דומע, אַז זי וועט אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען קעגן די ייִדן

און אנדערע „פּרעמד־געבוירענע". לויט דער מיינונג אָבער פון די באָל־שעוויקעס איז דער אַרבעטער־קלאַס מעכויעוו געווען צו אופהייבן זייַן שטים. באַזונדערס שטאַרק דאַרף די שטים פונעם רוסישן אַרבעטער אָפּ־הילכן קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

די אינטערנאַציאָנאַליסטישע אידייען פון די באָלשעוויקעס האָבן גע־פונען אַקטיווע שטיצע בא דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט און בא די ברייטע שיכטן אַרבעטנדיקע פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד. צווישן די אָנגעזעענע רעוואָליוציאָנערן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן זיַינען געווען פיל ייִדן — אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, אינטעליגענטן. פון צווישן די ייִדישע אַרבעטער און אינטעליגענטן זיַינען אַרויס אַזעלכע אָנגעזעענע פּראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערן, ווי יאַקאָוו סווערדלאָוו, וו. וואָלאָדאַר־סקי (מוישע גאָלדשטיין), מאַיסיי אוריצקי, סאָלאָמאָן לאָזאָווסקי און פיל אַנדערע. יאַקאָוו סווערדלאָוו (1885—1919) איז געוואָרן דער ערשטער פּרעזידענט פון דער סאָוועטישער מעלוכע — פּאַרזיצער פונעם אַלרוסלענ־דישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און דער סאָף פון דער ייִדן־פראַגע אין רוסלאַנד

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע פון 1917 האָט פּראָקלאַמירט די פולע גלייַכבאַרעכטיקונג פון אַלע פעלקער פון רוסלאַנד. די „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון די פעלקער פון רוסלאַנד", אונטער־געשריבן פונעם גרינדער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטן־מעלוכע וו. אי. לענין דעם 16 נאָיאַבער 1917, האָט אָפּגעשאַפן אַלע און אַלערליי נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּריווילעגיעס און באַגרענעצונגען, פּראָקלאַמירט די „פרייַע אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייַטן און עטנישע גרופּעס, וועלכע וווינען אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד".

אין סאָף 1917 — אָנהייב 1918 איז לויט וו. אי. לענינס איניציאַטיוו אָנגענומען געוואָרן אַ ריי דעקרעטן וועגן אָפּטיילן די קירך פון דער מע־לוכע. פון דעמלט אָן האָבן די ייִדן, וועלכע זיַינען, ווי די אַנדערע קליינע

נאַציאָנאַליטעטן באַטראַכט געוואָרן אינעם אַלטן רוסלאַנד אַלס רעליגיעזע גרופּעס, באַקומען אַ יורידישן סטאַטוס פון אַ נאַציאָנאַליטעט, וואָס איז ניט אָפּהענגיק פון דער עמונע, פון די רעליגיעזע אָדער אַטעיסטישע איבער־צייגונגען.

כוץ דעם, איז לויט ווי. אי. לענינס איניציאַטיוו אָנגענומען געוואָרן אַ ריי דעקרעטן קעגן אַנטיסעמיטישע אַקציעס און פּאָגראָמשטשיקעס. אין יענעם פּעריאָד איז דאָס געווען באַזונדערס וויכטיק: עס האָט געבושעוועט דער בירגערקריג, קעגן דער סאָוועטנמאַכט איז געגאַנגען אַן אינטערווענץ פון 14 מעלוכעס. אין פּעריאָד צווישן 1917 און 1921 איז אין די געגנטן, ווו קאָנטררעוואָליוציע האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, פאַרגעקומען אַ באַזונ־דערס גרויסע צאָל ווילדע פּאָגראָמען אויף ייִדן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אין 1918 אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דעקרעט, וואָס האָט באַטאָנט, אַז יעטווידע פאָרם פון פירן אַ העצע קעגן אוועלכער־ניט־איז נאַציע, איז אומדערלאָזבאַר. „דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן דערקלערט די אַנ־טיסעמיטישע באַוועגונג און די פּאָגראָמען קעגן ייִדן אַלס אומקום פאַר דער גאַנצער זאַך פון דער אַרבעטער־ און פּויערים־רעוואָליוציע און רופט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון סאָציאַליסטישן רוסלאַנד צו קעמפן מיט אַלע מיטלען קעגן דעם דאָזיקן בייז". ווען דער פּראָיעקט פון דעם דאָזיקן דאָ־קומענט איז געווען גרייט, האָט וו. אי. לענין צוגעשריבן מיט דער אייגע־נער האַנט: „דער ראַטפאָלקאָם באַפוילט אַלע סאָוודעפּן (אַזוי האָט מען דעמלט גערופן אין אַ קורצן אויסלייג די סאָוועטן פון דעפּוטאַטן — אָרגאַ־נען פון דער אָרטיקער מאַכט. רעד.) אָנצונעמען אַנטשיידנדיקע מאָסמיט־לען, קעדיי אונטערהאַקן אין וואָרצל די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. די פּאָגראָמשטשיקעס און יענע, וועלכע פירן אַ פּאָגראָם־אַגיטאַציע, שטעלן אויסערן געזעץ".

אין מאַרט 1919 איז דער הויפּט פון דער סאָוועטן־רעגירונג אַרויסגע־טראָטן מיט אַ רעדע, וועלכע איז פאַרשריבן געוואָרן אויף אַ גראַמאַפאָן־פּלאַט און ס'האָט זי פאַרעפנטלעכט די פּרעסע. „די קאַפּיטאַליסטן שטאַרען זיך שפּרייטן און צינדן סינע צווישן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע עמו־נעס, פאַרשיידענע נאַציעס, פאַרשיידענע ראַסעס... — האָט געזאָגט וו. אי. לענין. — בלויז אינגאַנצן פינצטערע, אינגאַנצן דערשלאָגענע מענטשן קאָנען גלייבן די שקאָרים און רעכילעס, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט קעגן די ייִדן..." און ער האָט פאַרענדיקט די דאָזיקע רעדע מיט די ווערטער:

„א שאנד צו יענע, וועלכע שפרייטן סינע צו די יידן און וועלכע שפרייטן האס צו אנדערע נאציעס" (פולע זאמלונג פון די ווערק, ב. 38, ז. 242—243).

די יונגע סאָוועטן־מעלוכע האָט פולשטענדיק אָפגעשאַפן די געזעצן פון די צארישע מאכט־אָרגאנען, וועלכע האָבן א ספּעציעלע שײַכעס צו די יידן, זי האָט ליקווידירט דעם אזויגערופענעם „טכום", די פּראָצענט־נאָר־מעס באַם אָנקומען אין א לערן־אנשטאלט, זי האָט פּראָקלאמירט דאָס רעכט פון די יידן צו פאַרנעמען זיך מיט ערד־ארבעט.

אין דער אַלפאַרבאַנדישער געזעצגעבונג, אין דער קאָנסטיטוציע, אויך אין די געזעצן און קרימינעלע קאָדעקסן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פאַרויסגעזען געוואָרן א שטרענגע שטראָף (אָפּנעמען די פרײַהײַט אף א טערמין פון זעקס כאדאָשים ביז דרײַ יאָר אָדער ארויסשיקן אף א טערמין פון צוויי ביז פינף יאָר) פאַר יעדן פּרווו צו שפּרייטן ראַסאָווע אָדער נאַציאָנאַלע סינע, באַליידיקן די נאַציאָ־נאַלע ווירדע, באַגרענעצן די רעכט אָדער, פאַרקערט, געבן פּאַרצוגן בירגער אָפּהענגיק פון זייער ראַסאָווער אָדער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקײַט.

עס איז שווער אָפּצושאַצן די באַדײַטונג, וועלכע אָט די אַלע אַקטן פון דער יונגער סאָוועטן־מעלוכע האָבן געהאַט פאַר די מיליאָנען פריער אונ־טערדריקטע, דיסקרימינירטע און פאַרפאָלגטע נאַציעס און פעלקערשאַפטן, דערונטער פאַר די יידן. די יידן האָבן פאַרלאָזט דעם טכום, זיי האָבן מיט ענטוזיאַזם זיך אײַנגעשלאָסן אין דער בויונג פונעם נײַעם לעבן. אין לאַנד זײַנען געשאַפן געוואָרן די נייטיקע באַדינגונגען אף צו באַהעפטן די יידן, ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, צו דער בילדונג, קולטור, צום אַקטיוון אָנטייל אין דער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער טעטי־קײַט.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט האָט זיך אָנגעהויבן ראַדיקאַל צו ענדערן אויך די סאָציאַלע סטרוקטור פון די יידן. אויב ביז דער רעוואָליוציע האָבן 4, 54 פּראָצ. יידן זיך פאַרנומען מיט ניט פּראָדוק־טיווער אַרבעט (הענדלער, קליינע אונטערנעמערס, מענטשן אָן באַשטימ־טע באַשעפטיקונגען), און די אַרבעטער האָבן באַטראָפן סאַכאַקל 15 פּראָצ., די אָנגעשטעלטע — 10 פּראָצ., האָט שוין צום אָנהייב פון די 30־ער יאָרן די צאָל יידן־אַרבעטער באַטראָפן מער פון 20 פּראָצ., די צאָל יידן־אָנגע־שטעלטע — 30 פּראָצ.

דער זיג פונעם אָקטיאַבער, דאָס קאָנסעקווענטע פּאַרווירקלעכן אין לעבן די לענינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָבן אין דער פּראַקטיק אָפּגע־לייקנט די ציוניסטישע לעגענדע וועגן אַן „אייביקן אַנטיסעמיטיזם״, וועגן דעם, אַז די ייִדן־פראַגע קאָן, קלוימערשט, געלייזט ווערן בלויז דורך שאַפן אַ ייִדישע מעלוכע און דורך אַריבערפירן אַהין אַלע ייִדן. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט געעפנט דעם וועג צום לייזן מיט דערפאָלג די נאַציאָנאַלע פראַגע (דערונטער אויך די ייִדישע פראַגע) אַפן סמאַך פון עמעסער גלײַכבאַרעכ־טיקונג און אַכטונג צו אַלע פעלקער פון דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע.

גלײַכע צווישן גלײַכע

לויט די מאַטעריאַלן פון דער פאָלקס־ציילונג פון 1979 זײַנען אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאַראַן 1 מיליאָן 811 טויזנט ייִדן.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ווען ניט די צווייטע וועלט־מילכאָמע, וואָלט די צאָל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געווען אַ סאַך גרעסער. פיל טויזנטער ייִדן זײַנען דערהאַרגעט און פאַרפּײַניקט געוואָרן אויף דער טערי־טאָריע, וואָס איז צײַטווײַליק געווען אָקופּירט דורך די פאַשיסטן: אין באַבי־יאַר (קיִעוו) האָבן די נאַציסטן אומגעבראַכט קימאַט 200 טויזנט מענטשן, דערונטער 70 טויזנט ייִדן און מער פון 100 טויזנט רוסן און אוקראַיִנער; הונדערטער טויזנטער ייִדן זײַנען פאַרטיליקט געוואָרן אויף אוקראַיִנע, אין ווײַסרוסלאַנד, מאָלדאַוויע, לעטלאַנד, ליטע און עסטלאַנד. די צאָל פון אָט די קאָרבאָנעס האָט געקאָנט זײַן נאָך גרעסער, ווען ניט די עפעקטיווע און אַנטשיידנדע מאַסמיטלען, וועלכע די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן פאָרגענומען, דערונטער די מאַסן־עוואַקואַציע פון דער באַפעלקערונג (קוידעמקאָל פון די ייִדן) פון די פראָנט־טעריטאָריעס.

דערמאָנענדיק וועגן דעם, האָט דער הויפּט־ראָוו פון דער מאָסקווער קאָרשול, דער איצט פאַרשטאָרבענער יעהודע־לייב לעווין, געשריבן אין יאַנוואַר 1971: „איך בין דאַנקבאַר אונדזער סאָוועטן־לאַנד, וואָס האָט געטאָן אַזויפיל גוטס פאַר מײַן פאָלק סײַ אין פרידנס־צײַט, סײַ אינעם פעריאָד

פון די שווערע ניסיוינעס, וועלכע האָבן זיך אָנגערוקט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. דער סוינע האָט פאַרכאַפּט איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, נאָר אין אָט דער שווערער צײַט האָט די סאָוועטן־רעגירונג געפונען די וועגן און מיטלען אָף אָפּצושיקן הונדערטער טויזנ־טער יִידן אין טיפן הינטערלאַנד״.

די סאָוועטישע יִידן זײַנען הײַנט אָנגעזעען אין אַלע ספערן פון דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער טעטיקײַט, אין געביט פון דער וויסנ־שאַפט, בילדונג, ליטעראַטור און קונסט. יִידן פאַרנעמען אין דער מעלוכע ערשטראַנגיקע פּאָסטנס סײַ אין דער אַלפאַרבאַנדישער רעגירונג (מיני־סטאָרן־ראַט פון פּססר), סײַ אין די רעגירונגען פון די פאַרבאַנדישע און אווטאָנאָמע רעפּובליקן, אין די אַנדערע מעלוכישע און פּאַרטײיִשע אָרגאַ־נען. צווישן די דעפּוטאַטן פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסס‏ר, פונעם העכסטן אָרגאַן פון דער מעלוכע־מאַכט, פון די אויבער־סאָוועטן פון די פאַרבאַנ־דישע רעפּובליקן און אָרטיקע סאָוועטן זײַנען פאַראַן 7647 יִידן.[1]

אין איינעם פון די לעצטע יאָרן איז אונטערגעפירט געוואָרן אין דער פּרעסע אזא כעזשבן:

פון דער אַלגעמיינער צאָל מענטשן, וועלכע אַרבעטן אין דער וויסנ־שאַפט, באַטרעפן די יִידן 5,7 פּראָצ. (69000 מענטשן), דערונטער דאָקטאָרס פון וויסנשאַפטן — 14 פּראָצ., קאַנדידאַטן פון וויסנשאַפטן — 8,2 פּראָצ., אין דער קונסט — 5,2 פּראָצ., אין דער ליטעראַטור און פּרעסע — 6,5 פּראָצ., אין דער מעדיצין — 3,4 פּראָצ., צווישן די יוריסטן פון פאַרשיידענע פאַכן — 6,7 פּראָצ. די צאָל יִידן־סטודענטן איז געווען עטוואָס מער פון 300 אָף 10.000 מענטשן פון דער יִידישער באַפעלקערונג. דאָס איז אַ סאַך מער, איידער צווישן די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. די אַבסאָליוטע צאָל יִידן מיט הויכבילדונג וואַקסט פון יאָר צו יאָר. אָט זײַ־נען ציפערן פון דער צענטראַלער סטאַטיסטישער פאַרוואַלטונג פון פּסס‏ר פאַר פיר יאָר:

יאָר	1959	1962	1970	1973
צאָל יִידן מיט הויכבילדונג	277	311	357	375

[1] דאָ און ווײַטער זײַנען די ציפערן געגעבן לויט דער סטאַטיסטיק פאַרן 1975 יאָר. (רעד.)

צווישן די 69 טויזנט ייִדן וויסנשאַפט־טוער זײַנען 4200 דאָקטאָרס פון וויסנשאַפטן, 23800 קאַנדידאַטן פון וויסנשאַפטן, דה. באַ 41 פראָצ. האָבן אַ וויסנשאַפטלעכן טיטל.

צווישן די לאַורעאַטן פון די לענינישע און מעלוכישע פּרעמיעס אין דער וויסנשאַפט און טעכניק האָבן ייִדן אַנטשפּרעכיק באַטראָפן צום 1975 יאָר 11 פראָצ. און 12,5 פראָצ. (לויט דער צאָל — אַנטשפּרעכיק 123 און 1478). אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון ססר זײַנען צו יענער צײַט געווען 57 ווירקלעכע מיטגלידער און מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן — ייִדן, אין דער מעדיצין־אַקאַדעמיע — 20.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד זײַנען ברייט באַקאַנט די נעמען פון די געלערנטע, מיטגלידער פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און פון פיל אויסלענדישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיעס: סעמיאָן וואָלפקאָוויטש, איסאַק מינץ, הערש בודקער, לעאָניד קאַנטאָראָוויטש, אַלעקסאַנדער מינץ, בענציִען וואָלף, ייִסראָעל העלפאַנד, אַלעקסאַנדער גרינבערג, אַלעקסאַנדער פרומקין, יולי כאַריטאָן, דער דרײַ מאָל העלד פון סאָציאַליסטישער מי יאַקאָוו זעלדאָוויטש און אַנד.

פאַר העראָיזם און געוואַגטקײַט אינעם פאַרטיידיקן דאָס היימלאַנד, פאַר העלדנמוטיקער מי און דערפאָלגן אין דער פּאָליטישער, ווירטשאַפטלעכער, וויסנשאַפטלעכער טעטיקײַט און קולטור־אַרבעט זײַנען צום 1975 יאָר אומגעפער 340 טויזנט סאָוועטישע ייִדן באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאַלן.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז די פרײַהײַט פון עמונע, ווי אויך פון אָפּריכטן רעליגיִעזע מינהאָגים און ריטואַלן גאַראַנטירט דורך דער קאָנסטיטוציע. אַף וויפל אין לאַנד פירט זיך ניט קיין דיסקאָנט פון גלויבנדיקע ביכלאַל, קאָן מען זיך פאַרופן אַף סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען. זיי האָבן באַוויזן, אַז אַף דער טעריטאָריע פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע און אוקראַיִנע האָט די צאָל גלויבנדיקע ייִדן צום סאָף פון די 70־ער יאָרן באַטראָפן ניט מער פון 2 פראָצענט פון זייער אַלגעמיינער צאָל, אין די באַלטישע רעפּובליקן (לעטלאַנד, ליטע, עסטלאַנד) — 5—9 פראָצענט, אין גרוזיע, צאָפן־קאַווקאַז און אין מיטל־אַזיע 7—12 פראָצ. אין דער איבערוועגנדיקער מערהײַט זײַנען דאָס זקיינים.

די פרומע ייִדן זײַנען אין פּסך אָרגאַניזירט אין באַזונדערע קעהילעס, וועלכע האָבן זייערע סינאַגאָגעס.

די ראָליע פון אַ צענטער פון דער ייִדישער רעליגיע אין לאַנד שפּילט אין אַ געוויסער מאָס די מאָסקווער קאָרשול. די דאָזיקע קעהילע גיט רעגולער אַרויס רעליגיעזע ליטעראַטור (אַ ייִדישן יאָר־לוח, סידורים, כור־מאָשים), עס אַרבעט אַ ישיווע, וועלכע גרייט דינער פון רעליגיעזן קולט.

סינאַגאָגעס זײַנען פאַראַן אין מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, מינסק, ריגע, ווילנע, טאַשקענט, טביליסי, באַקו, סווערדלאָווסק, לוואָוו, אָדעס און אין פּיל אַנדערע שטעט. סאָציאָלאָגישע אויספאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז צווישן פאַרשיידענע עטנישע גרופּעס ייִדן אַ פאַרשיידענער ניוואָ פון פרומקייט. שטאַרקער איז די פרומקייט צווישן ייִדן פון גרוזיע און בוכאַרע, צווישן די באַרג־ייִדן.

פרומע ייִדן האָבן, פאַרשטייט זיך, די זעלבע רעכט, ווי די בירגער פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן און עמונעס. אַלע סינאַגאָגעס האָבן די מעג־לעכקייט צו באַקן מאַצע אַף פּייסעך.

די פרומע ייִדן, ווי די אַנדערע בירגער פון אונדזער לאַנד, האַלטן אונ־טער און באַוויליקן די פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־רעגירונג. דער ראָוו פון דער מאָסקווער קאָרשול יאַנקעוו פישמאַן האָט זײַנערצײַט אין אַ שמועס מיט פּרעסע־פאָרשטייער געזאָגט: „איך דערקלער מיט דער גאַנצער פאַ־ראַנטוואָרטלעכקײַט, אַז די פרומע ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן די פולע פרײַהײַט צו האַלטן זיך באַ זייער עמונע. קיינער שטערט אונדז ניט און קיינער קאָן ניט האָבן די מינדסטע מעגלעכקײַט צו שטערן אונדז דאַווענען אין די סינאַגאָגעס און צו אָפּריכטן רעליגיעזע ריטואַלן".

די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור

אין סאָוועטנפאַרבאַנד דערשײַנען אין גרויסע טיראַזשן ביכער פון די ייִדישע שרײַבער — סײַ אַף ייִדיש, סײַ אין אַן איבערזעצונג אַף אַנדערע שפּראַכן.

לויט די אָנגאַבן פון דער אַלפאַרבאַנדישער ביכער־פּאַלאַטע, איז בלויז פאַר די לעצטע צען יאָר (גערעכנט פון 1967) אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף די שפּראַכן פון די פעלקער פון פּססר 124 ביכער פון ייִדישע אויטאָרן מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון 17 מיליאָן עקז. פאַר דעם זעלבן פּעריאָד זײַנען אויף ייִדיש אַרויסגעגעבן געוואָרן 37 ביכער מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון 125 טויזנט עקז.

אָנגעהויבן פון 1961, דערשײַנט אין מאָסקווע דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". ער באַקאַנט די לייענער מיט די נײַסטע ווערק פון העכער 100 ייִדישע שרײַבער, וועלכע וווינען אין פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד, און מיט די ווערק פון אַ גרויסער צאָל אויסלענדישע ייִדישע אויטאָרן.

אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט דערשײַנט אַ טעגלעכע צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן".

אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַרבעטן עטלעכע ייִדישע טעאַטראַלע און מוזיקאַלע קאָלעקטיוון (אַנסאַמבלען). צווישן זיי — דער מאָסקווער דראַמאַטישער אַנסאַמבל און דער נײַער ייִדישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער, וואָס איז טעטיק בײַ דער נײַ־געשאַפענער ביראָבידזשאַנער פילהאַרמאָניע. פּאָפּולער זײַנען די ייִדישע פאָלקס־טעאַטערס אין ווילנע און ביראָבידזשאַן, דער טעאַטראַלער אַנסאַמבל אין קאָוונע.

די ייִדישע טעאַטראַל־מוזיקאַלע קאָלעקטיוון גאַסטראָלירן שטענדיק איבערן לאַנד. די גאַסטראָל־פאָרם פון די אַרויסטרעטונגען איז הײַנט, ווען די סאָוועטישע ייִדן וווינען אויף אַלע שטעכן פונעם לאַנד, פולשטענדיק באַרעכטיקט.

אין משך פון יעדן יאָר ווערן די ספּעקטאַקלען און קאָנצערטן פון די ייִדישע פּראָפעסיאָנעלע קאָלעקטיוון, אויך פון די זינגער און דערציילער, באַזוכט אַנערך פון אַ האַלבן מיליאָן צושויער.

די אַלפאַרבאַנדישע פירמע „מעלאָדיע" לאָזט אַרויס רעגולער פּלאַטן, אויף וועלכע עס זײַנען פאַרשריבן ייִדישע פאָלקס־מעלאָדיעס און לידער.

אין פאַרשיידענע שטעט פונעם לאַנד אַרבעטן ייִדישע מאָלער, גראַפיקער און סקולפּטאָרן, ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן און מוזיקאַנטן.

אסימיליאַציע — אַ נאַטירלעכער פּראָצעס

די סטאַטיסטיק ווײַזט אָן, אַז פאַר די לעצטע 15 יאָר האָט די צאָל ייִדן אין פּסטר זיך פאַרקלענערט. מיט וואָס איז דאָס צו דערקלערן?

די סאָוועטישע דעמאָגראַפן רופן אָן אַלס הויפּט־סיבע פון דער פאַר־קלענערונג פון דער צאָל ייִדן אין פּסטר — די שנעלע אַסימיליאַציע.

אין 1941 — 1942, אינעם פּעריאָד פון נאַציסטישן אָנפאַל אַפן סאָוועטנ־פאַרבאַנד, זײַנען אַרום צוויי מיליאָן ייִדן עוואַקויִרט געוואָרן פון די מײַ־רעוו־ראַיאָנען פון לאַנד, ווו זיי האָבן ביז דער מילכאָמע געלעבט אין קאָמ־פּאַקטע ייִשוּווים. נאָך דער עוואַקואַציע זײַנען זיי צעשפּרייט געוואָרן אַף אַ ברייטער טעריטאָריע — פון די צאָפן־ראַיאָנען און אוראַל ביז מיטלאַזיע און סיביר. די מיגראַציע, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער פאַ־שיסטישער אינוואַזיע, האָט פאַרגיכערט דעם גאַנג פון דער נאַטירלעכער אַסימיליאַציע. נאָך דער מילכאָמע איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די צאָל גע־מישטע כאַסענעס. קינדער, וועלכע ווערן געבוירן פון געמישטע כאַסענעס, האָבן דאָס רעכט, לויט די סאָוועטישע געזעצן, ווערנדיק אַלט זעכצן יאָר, אָנצונעמען די נאַציאָנאַליטעט פון איינעם פון די עלטערן, האַנדלענדיק אַזוי, אַז די שפּראַך, קולטור און נאַציאָנאַלע טראַדיציעס זאָלן זײַן פאַר־שטענדלעכער און נעענטער. לעבנדיק צווישן די אַנדערע סאָוועטישע נאַ־ציאָנאַליטעטן, האָבן די ייִדן באַהערשט, אַלס קלאַל, אויך זייערע שפּראַכן.

עס איז אַלגעמיין אָנערקענט, אַז אין אַ פּילנאַציאָנאַלער מעלוכע איז די אַסימיליאַציע אַן אומפאַרמײַדלעכער נאַטירלעכער פּראָצעס. אין די באַ־דינגונגען פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ווו עס זײַנען ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע און ראַסאָווע אָבערגלויבענישן, באַקומט דער פּראָצעס פון דער דערנעענטערונג פון די נאַציעס, דער פּראָצעס פון נאַטירלעכער אַסימיליאַ־ציע אַ ברייטערן פאַרנעם, ער העלפט מיט דער קעגנזײַטיקער באַרײַכערונג פון קולטורן, און דאָס ברענגט אין דער אונטערשטער שורע צו דער אויס־בילדונג פון אַ נײַער היסטאָרישער מענטשן־געמיינשאַפט — סאָוועטיש פאָלק.

דער דאָזיקער פּראָצעס כאַפּט אַרום אין דער אָדער יענער מאָס אַלע נאַציעס און פעלקערשאַפטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. צווישן די ייִדן, פּונקט ווי צווישן די אַנדערע סאָוועטישע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע לעבן אין נאַ־

ציאָנאַלע רעפּובליקן און געגנטן פון אַ צווייטער נאַציאָנאַליטעט, באַקומט די נאַטירלעכע אַסימילאַציע אַ ברייטערן פאַרנעם. צוזאַמען דערמיט מערקט אָפּ די סטאַטיסטיק אויך די אַסימילאַציע פון אַ טייל רוסן, וועלכע לעבן אין די נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן.

ווײַטער ברענגען מיר אַן אויסצוג פון דער בראָשור פון שלומה ראַבי־נאָוויטש „ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד“, וווּ עס ווערט באַלויכטן אָט די פראַגע:

„עס איז באַוווּסט, אַז נאָך פון גאָר אַלטע צײַטן אָן האָבן בײַ די ייִדישע מאַסן זיך געלאָזט מערקן צוויי טענדענצן: איינע — איזאָליאַציע אַלס ספּע־ציעל מיטל צו פאַרהיטן די ייִדישע ספּעציפיק; די צווייטע — דערנענע־טערונג מיט דער נאַציאָנאַלער מערהײַט פונעם לאַנד. וואָס שטאַרקער די ייִדן האָבן געליטן פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וואָס העפקערדיקער עס האָט געבושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם, אַלץ אינטענסיווער פלעגט זיך אַנטוויקלען די ערשטע טענדענץ. און דאָס זעלבע פאַרקערט — וואָס שוואַ־כער עס פלעגט ווערן די דיסקרימינאַציע קעגן ייִדן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך געלאָזט פילן די צווייטע טענדענץ. אין XIX אָנהייב XX יאָרהונדערט, לעמאָשל, האָט די אַסימילאַציע פון די ייִדן באַקומען אַ באַזונדערס ברייטן כאַראַקטער אין די סאַמע אַנטוויקלטע לענדער פון אייראָפּע — אין ענג־לאַנד, פראַנקרײַך, דײַטשלאַנד.

דעריבער איז ביז גאָר געזעצמעסיק דאָס, וואָס אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וווּ ייִדן זײַנען יורידיש און פאַקטיש פולשטענדיק גלײַכבאַרעכטיקטע ביר־גער, גייט צו די אַסימילאַציע גאַנץ אינטענסיוו.

דאָס פּראָגרעסיווע, דאָס פּאָרגעשריטענע, וואָס עס אַנטהאַלט די נאַ־ציאָנאַלע קולטור פונעם ייִדישן פאָלק, ווערט מיצאַד די ייִדן — שרײַבער, טוער פון דער וויסנשאַפט און קונסט, געזעלשאַפטלעכע טוער — אַרײַנגעט־ראָגן אינעם אַלגעמיינעם אוצר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָוועטישער קולטור.

לאָמיר באַמערקן, אַגעוו, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד קומט פאָר אַן אַסי־מילאַציע־פּראָצעס ניט בלויז צווישן די ייִדן. אָט זײַנען אייניקע בײַשפּילן. אין אוזבעקיסטאַן וווינען עטלעכע הונדערט טויזנט טאַדזשיקן. זיי ריידן סײַ אָף טאַדזשיקיש, סײַ אָף אוזבעקיש. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז פון די טאַדזשיקן, וואָס וווינען אין אוזבעקיסטאַן, איז אויסגעוואַקסן און וואַקסט אויך איצט אַ היפּשער טייל פון דער אוזבעקיסטאַנער אינטעליגענץ.

אין טאדזשיקיסטאַן, ווידער, אויפן פאַמיר, ווו זיינען אין די בערג עטלעכע קלענערע איראַנישע פעלקערשאַפטן, וועמענס היסטאָרישע לעשוינעס זיינען אוראַלטע פּערסישע דיאַלעקטן. עטנאָגראַפיש האַלטן זיי זיך אָבער פאַר טאַדזשיקן, און אין דער מערהייט זייערער ריידן זיי טאַקע טאַדזשיקיש. עפּעס ענלעכס קומט פאָר אויך צווישן אייניקע שיכטן פון די בוכאַרער ייִדן, וועלכע ריידן ביכלאַל פון קינדווייַז אָן טאַדזשיקיש. אַט אַזוי קומט פאָר אין טאַדזשיקיסטאַן אַ פּראָצעס פון פרייַוויליקער אַסימילאַציע פון אייניקע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

וועגן דער אַלץ גרעסערער דערנעענטערונג צווישן די סאָוועטישע נאַציעס און פעלקערשאַפטן זאָגט איידעס דער פילנאַציאָנאַלער באַשטאַנד פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין די אונטערנעמונגען, ווי אויך פון די שילער און סטודענטן אין קאָלעריי לערן־אַנשטאַלטן, די געמיינזאַמע דערציִונג פון קינדער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין די פאָרשול־אַנשטאַלטן און אין די שולן.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיך אויסגעבילדעט אַזאַ געמיינזאַמקייט צווישן די נאַציעס און פעלקערשאַפטן, וואָס אַזוינס האָט די געשיכטע ביז איצט נאָך ניט געוווּסט. צווישן די סאָוועטישע מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן זיך אַנטוויקלט געמיינזאַמע גייַסטיקע שטריכן, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן דורך דעם נייַעם טיפּ געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. די דאָזיקע נייַע גייַסטיקע שטריכן האָבן אייַנגעזאַפּט אין זיך די שענסטע טראַדיציעס פון אַלע סאָוועטישע פעלקער".

די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט

די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט איז געשאַפן געוואָרן דעם 7־טן מײַ 1934 לויטן באַשלוס פונעם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט (אַזוי האָט אין די דרייַסיקער יאָרן געהייסן דער העכסטער מאַכט־אָרגאַן אין לאַנד).

די געגנט געפינט זיך אויפן ווייַטן מיזרעך און איז אַ טייל פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט. אַרומגערינגלט מיט די שיינע בערג פון קליין־כינגאַן, שפּרייט זי זיך פאַזע דעם פּילוואַסעריקן אַמור מיט זייַנע בייַטייַכן — בירא

און בידזשאַן. דער שעטעך פון דער געגנט באַטרעפט 36 טויזנט קילאָמעטער. דאָס איז אַ גרעסערע טעריטאָריע, איידער, אַשטייגער, די טעריטאָריע פון בעלגיע. די הויפּט־שטאָט רופט זיך „ביראָבידזשאַן״.

די ייִדן, ווי די אַנדערע פעלקער פון דער סאָוועטן־מעלוכע, האָבן צום ערשטן מאָל באַקומען דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג. אין באַשלוס פון פּרעזידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פונעם 28 מאַרט 1928 „וועגן פאַרפעסטיקן פאַרן קאָמערד (אָן אָרגאַניזאַציע פון ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג) צוליב די באַדערפענישן פון דורכויסיקן באַזעצן מיט אַרבעטנדיקע ייִדן די פרײַע ערדן אין דער בײַאַמורער זאָנע פונעם ווײַט־מיזרעכדיקן קאַנט״ איז פאַרשריבן: „בײַ גינסטיקע רעזולטאַטן פון דורכויסיקן באַזעצן דעם אָנגעוויזענעם ראַיאָן מיט אַרבעטנדיקע ייִדן — האָבן אין זינען די מעגלעכקײַט צו אָרגאַניזירן אויף דער טעריטאָריע פונעם אָנגערופענעם ראַיאָן אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלן אייִנס״.

דער פאַקט פון שאַפן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט און פון איר עקזיסטענץ האָט אַ קאָלאָסאַלע פּאָליטישע באַדײַטונג.

די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט, ווי די אַנדערע סאָוועטישע נאַציאָנאַלע פאָרמירונגען, שיקט אירע פאָרשטייער אין פאַרבאַנדישן און אין די רעפּובליקאַנישע פּאַרלאַמענטן.

יִידישע אווטאָנאָמע געגנט – בירָאבידזשאַן

אין דער ברידערלעכער פעלקער־מישפּאָכע

מיט זעקס און פערציק יאָר צוריק האָט אף דער מאפּע פון אונדזער היימלאנד זיך באוויזן די יִידישע אווטאָנאָמע געגנט, די יִינגסטע צווישן די אווטאָנאָמע געגנטן פונעם סאָוועטנפארבאנד.

די אויסבילדונג פון דער געגנט האָט איר מערקווירדיקע פאָרגעשיכטע. דעם 28 מארט 1928 האָט דער צענטראלער אויספיר־קאָמיטעט פון פססר, לויט דער ביטע פונעם קאָמזעט, אָנגענומען א באשלוס „וועגן פארפעסטיקן צוליב די נויטן פון דורכויסיקן באזעצן מיט ארבעטנדיקע יִידן די פרייַע ערד אין בייַאמורער לאנד־פאס פונעם וויַטמיזרעכדיקן קאנט“. צו יענער צייַט, האגאם רוסישע מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו באווינען די דאָזיקע ערד נאָך אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, זייַנען אירע קאָלאָסאלע רייַכטימער נאָך זייער ווייניק געווען באהערשט, און אפילע קיין וועגן צווישן דעם באווינטן נייַ־אמורער געביט און דער זאָנע לענגויס דעם אייַזנבאן־וועג זייַנען ניט געווען.

אין 1928, ווען פאר בירָאבידזשאן איז אויסגעטיילט געוואָרן א שעטעך פון 35.700 קווארדראטע קילאָמעטער, וואָס עס באטרעפט מער, איידער די טעריטאָריע פון אזעלכע אייראָפּעישע מעלוכעס, ווי האָלאנד און בעלגיע, — האָט די באפעלקערונג דאָ געציילט אינגאנצן א 30 טויזנט מענטשן. אף דער סטאנציע טיכאָנקע, דעם קינפטיקן ראיאָנישן און שפּעטער געגנטלעכן צענטער, האָבן דעמלט געוווינט ארום 600 מענטשן. באלעבט זייַנען געווען נאָר צוויי שמאָלע פאסיקלעך ערד לענגויס דער אייַזנ־

באַן־ליניע און דעם ברעג פונעם אמור, און צווישן זיי האָבן זיך גע־צויגן אף צענדליקער טויזנטער קוואַדראַטע קילאָמעטער טײַגע און זומפּן, ווו ס'האָבן געבראַדיעט ווילדע כײַעס און זיך ארומגעטראָגן גנוס־כמארעס. זעלטן־ווו האָט מען געקאָנט טרעפן אף א פארוואָרפענעם שטעג א יעגער, צופוס אָדער רײַטנדיק...

און אָט די ראַכוועס, וועלכע האָט יאָרנלאַנג געוואַרט, מע זאָל זיך נעמען צו אירע פארבאָרגענע רײַכטימער, איז געשטעלט געוואָרן צו דינסט דעם סאָוועטישן מענטשן.

אין מײַ 1928 זײַנען קיין טיכאָנקע געקומען די ערשטע עשעלאָנען יידישע איבערוואַנדערער. צוזאמען מיט די אָרטיקע אײַנוווינער — רוסן, אוקראַינער און אנדערע — האָבן זיי זיך טײַקעף אײַנגעשלאָסן אין דער ריזיקער ארבעט צו באהערשן דעם ווילדן קאַנט. דאָס גאַנצע לאַנד איז גע־קומען זיי צו הילף, און שוין אין 1929 איז אופגעהויבן געוואָרן העכער 2000 העקטאַר רויערד. אין דער טײַגע זײַנען אויסגעוואַקסן נײַע דערפער און יישוּווים — וואַלדהיים, אמורזעט, בירעפעלד און אנד.

נאָך אין 1928 האָט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט אין זײַן באַ־שטימונג וועגן אויסטיילן בירעבידזשאַן פאַר יידישער ערד־אײַנאָרדענונג אונטערגעשטראָכן:

„בא גינסטיקע רעזולטאַטן פון דעם דורכויסיקן באזעצן מיט ארבעטנ־דיקע יידן דעם ראַיאָן... האָבן אין זינען די מעגלעכקײַט אויסצובילדן אף דער טעריטאָריע פונעם דאָזיקן ראַיאָן א יידישן נאַציאָנאַלן אדמיניסטראַ־טיוו־טעריטאָריאַלן איינס".

און דעם 20 אווגוסט 1930 האָט דער פרעזידיום פונעם צענטראַלן אויס־פיר־קאָמיטעט געפונען פאַר מעגלעך צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן ציל: אין באשטאַנד פונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט איז אויסגעבילדעט געוואָרן דער בירעבידזשאַנער ראַיאָן. אין א יאָר ארום איז דער יישעוו טיכאָנקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם ארבעטער־יישעוו בירעבידזשאַן, לויט די נעמען פון צוויי טײַכן, וועלכע פליסן דורך דער טעריטאָריע פונעם ראַיאָן — בירע און בידזשאַן. צו אָט דער צײַט האָט די באפעלקערונג פונעם ראַיאָ־נישן צענטער שוין געציילט 3 טויזנט מענטשן.

זעקס יאָר מעסירעסנעפעשדיקע מי האָבן געבראַכט אזעלכע קאָלאָסאַלע דערפאָלגן אין דער אנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק און פון דער קולטור פונעם בירעבידזשאַנער נאַציאָנאַלן ראַיאָן, אז ס'איז געוואָרן מעגלעך צו

פאַרוואַנדלען אים אין אַ געגנט, און דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון פסםר נעמט אָן דעם 7 מײַ 1934 אַ באַשטימונג:

„באַטראַכט דעם פאָרשלאָג פונעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט וועגן פאַרוואַנדלען דעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, באַשטימט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון פסםר:

די הישטאַדלעס באַפרידיקן און פאַרוואַנדלען דעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אינעם באַשטאַנד פונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט".

אַדאַנק דער באַשטענדיקער אופמערקזאַמקײַט און זאָרג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָוועטישער רעגירונג, מיט דער ברידערלעכער הילף פונעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, האָט דער פאַרוואָרפענער העק אויפן סאַמע ווײַטן ראַנד פון רוסלאַנד זיך פאַרוואַנדלט מאַמעש אין אַ בלײַענדיקן סאַד. ס'איז זייער שווער, אפילע אומעגלעך קעגנצושטעלן דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ, מיט דעם, וואָס איז געווען מיט פערציק יאָר צוריק, כאָטש דעמלט האָט שוין געבראויזט אין אונדזער קאַנט אַן אופגעלעבטער אַרבעטס־ריטם.

אין די געוועזענעווילדע און וויסטע ערטער זײַנען אויסגעוואַקסן נײַע שטעט און אַרבעטער־יִישווים, גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, מעכאַניזירטע ראַטווירטן און קאָלווירטן. אַ באַדײַטנדיקער אינדוסטריעלער און קולטור־צענטער איז געוואָרן די שטאָט ביראָבידזשאַן.

וועגן דעם וווקס פון דער אינדוסטריע פון דער געגנט זאָגן איידעס פאָלגנדיקע פאַקטן. פאַר די יאָרן פון איר עקזיסטענץ איז דער פאַרנעם פון דער פּראָדוקציע, וואָס זי לאָזט אַרויס, אויסגעוואַקסן אין 100 מאָל. ס'זײַנען אופגעקומען און פאַרנומען דאָס פירנדיקע אָרט אַזעלכע אינדוסטריע־צווײַגן, ווי קאָמבײַנבויונג, ווי די פּראָדוצירונג פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס, בוי־מאַטעריאַלן, ציגל, צעמענט, קאַלך, פּאַפּיר, שוכוואַרג, טריקאָטאַזש, קליידער.

באַזונדערס בולט קאָן מען זען די דאָזיקע פריידיקע ענדערונגען אויפן בײַשפּיל פונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש". די אונטערנעמונג, וועלכע האָט אַמאָל אַרויסגעלאָזט פּאָשעטע וועגענער, האָט באַקומען גאָר אַן אַנדערן קיִעם. הײַנט איז דאָס אַ גרויסער זאַוואָד פון לאַנדווירטשאַפטלעכער מאַשינבויונג, וואָס זײַן פּראָדוקציע גייט אין פילצאָליקע ראַיאָנען און געגנטן

פון אונדזער לאַנד, ווי אויך קיין בולגאַריע, אונגאַרן, איראַן, אינדיע, קובע און אַנדערע מעלוכעס.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן אַנדערע זאַוואָדן און פאַבריקן פון דער געגנט.

די איַינגעשפּאַרטע, מעסירעסנעפּעשדיקע מי פון די בירָאָבידזשאַנער ערדאַרבעטער, די גרויסע הילף, וואָס עס ווײַזט זיי אַרויס די סאָוועטישע רעגירונג, האָט פאַרוואַנדלט די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט אין איינעם פון די וויכטיקסטע אַפּן ווײַטן מיזרעך פּראָדוצירער פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. בא הײַנטיקן טאָג פונקציאָנירן דאָ עטלעכע צענדליק סאָווירטן און קאָלווירטן, אַן אויפעס־פאַבריק, לאַנדווירטשאַפטלעכע און מעליאָראַטיווע פּרוווּר־סטאַנציעס. פאַר די פאַרגאַנגענע פערציק יאָר האָבן די פאַרזיי־שעטאָכים אין דער געגנט זיך פאַרברייטערט אין 10 מאָל, באַדײַטנדיק איז אויסגעוואַקסן די צאָל פּי.

ווי אומעטום אין אונדזער לאַנד, זײַנען אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט געשאַפן אַלע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור און קונסט. איצט איז ניטאָ אַזאַ ייִשעוו, וועלכער זאָל ניט האָבן קיין שול, קיין קלוב, ביבליאָטעק, קינאָ־טעאַטער. יעדער דריטער מענטש אין דער געגנט לערנט זיך. עס דערשײַנען צוויי טעגלעכע געגנטלעכע צײַטונגען: „בירָאָבידזשאַנער שטערן” — אַף ייִדיש און „בירָאָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ” — אַף רוסיש. טעגלעכע טראַנסלירונגען אין דער רוסישער און ייִדישער שפּראַכן פירט די געגנטלעכע ראַדיאָ. אין די אָוונטן לויכטן אוף אין די דירעס פון די אַרבעטנדיקע אין שטאָט און אין דאָרף די בלויע עקראַנען פון די טעלעוויזאָרס.

אַ גוטן שעם האָבן אַפן גאַנצן ווײַטן מיזרעך אונדזערע צוויי פאָלקס־טעאַטערס — דער ייִדישער און דער רוסישער. פאַר די שטעלונגען פון די ספּעקטאַקלען „פאַנצערצוג 69־14”, לויט ווס. איוואַנאָוו, און „די קישעפּמאַכערן,” לויט גאָלדפאַדענען, זײַנען זיי געוואָרן לאַורעאַטן פונעם זאָנאַלן דורכקוק פון פאָלקס־טעאַטערס. מיטן ספּעקטאַקל פון אַ. אָסטראָווסקיס „באַלזאַמינאָווס כאַסענע” זײַנען די בירָאָבידזשאַנער זעלבסטעטיקע אַרטיסטן אַרויסגעטראָטן אַף דער בינע פונעם קרעמל־טעאַטער אין מאָסקווע, און זיי האָבן באַקומען דעם טיטל לאַורעאַט פונעם אַלרוסלענדישן פעסטיוואַל פון פאָלקס־קונסט. פּאָפּולער איז בא די צושויער דער טאַנץ־אַנסאַמבל

„יוגנט‟, וועלכער איז אויך א לאורעאט פונעם אלרוסלענדישן דורכקוק פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט.

אין דער געגנט איז טעטיק א ליטעראַרישע פאַרייניקונג אין באשטאנד פון די עלטערע שרייבער בוזי מילער, העשל ראַבינקאָוו, ראָמאַן שוויכעט, לעאָניד שקאָלניק און אנד. זייערע ווערק דרוקן זיך אין דער געגנטלעכער, קאַנטישער, צענטראַלער פּעריאָדיק און גייען אַרויס אין באַזונדערע אויפלאַגעס. אלס קלאַל איז די הויפּט־טעמאַטיק פון אָט די ווערק — די שעפערישע מי פון די מענטשן אפן וויַטן מיזרעך.

בירָאָבידזשאַן שטאָלצירט מיט דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אַף שאָלעם־אַליכעמס נאָמען, וועלכע ציילט אָן העכער 150 טויזנט בענדער אַף רוסיש, יידיש און אנדערע שפּראַכן. דאָ קומען פאָר ליטעראַרישע אָוונטן, באַגעגענישן פון די לייענער מיט שרייבער.

פון די ערשטע טעג פון דער אויסבילדונג פון דער געגנט זאמלט דער בירָאָבידזשאַנער קאַנטקענטעניש־מוזיי מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון באַהערשן די רייכטימער פונעם וויַטן מיזרעך. איצט אנטהאַלט ער א גרויסן דאָקומענטאַלן פאָנד, אינטערעסאַנטע עקספּאָזיציעס.

די מערקווירדיקע דערגרייכונגען אין דער אנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק און קולטור פון דער געגנט זיינען א דירעקטער רעזולטאַט פון דער לעניניסטער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, פון דעם, וואָס די אַרבעטנדיקע פון דער געגנט לעבן און מיַען זיך אין אן אייניקייַטלעכער מישפּאָכע פון סאָוועטישע פעלקער, וועלכע זיינען באַגייַסטערט פון איין ציל, פון איין שטרעבונג — בויען די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט. נאָך אין דעקאַבער 1934 האָבן אינעם ערשטן געגנטלעכן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן אָנטיילגענומען פאָרשטייער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן פון אלע עקן לאַנד — פון מאָסקווע און לענינגראַד, קיִעוו און כאַרקאָוו, מינסק און אָדעס, סמאָלענסק און כאַבאַראָווסק און פון צענדליקער אנדערע שטעט און רעפּובליקן.

די דאָזיקע פרייַנטשאַפט האָט זיך אין די וויַטערדיקע יאָרן אלץ מער און מער געפעסטיקט. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געהאָלפן דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט בויען פאַבריקן און זאַוואָדן, שולן און קלובן, שפּיטאָלן און ביבליאָטעקן, אנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפט, באַהערשן די טייַגע. 15 פּראָיעקט־אינסטיטוטן פונעם לאַנד פאַרנעמען זיך מיט פּראָיעקטירן די בויונג פון דער שטאָט בירָאָבידזשאַן. און אזוי אין אלץ — אין באַהערשן

די נאַטור־רײַכטימער פון דער געגנט, אין דער אנטוויקלונג פון דער אינ־דוסטריע, פון דער לאנדווירטשאפט און קולטור.

די אַרבעטנדיקע פון שטאָט און דאָרף, די סאָוועטישע אינטעליגענץ — דאָס איז אן אײנהײַטלעכע פרײַנטלעכע פילנאַציאָנאַלע מישפּאָכע. רוסן און ייִדן, אוקראַיִנער און ווײַסרוסן, טאָטערן און מאָרדווינער לעבן בא אונדז און מיִען זיך האנט־בא־האנט. זיי ווארפן אָפּ מיט צאָרן די ציִעניסטישע רעכילעסן וועגן די קלוימערשטע „פארפאָלגונגען פון די ייִדן" אין סאָ־וועטנפארבאנד. ווער קאָן וויסן בעסער, וויאזוי מיר לעבן, איידער מיר אליין! אין וואָס פאר א רעפובליק און געגנט אף אונדזער סאָוועטישער ערד די ייִדן זאָלן ניט וווינען, ארײַנגערעכנט די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט, פילן זיי זיך, ווי אלע אנדערע פעלקער און נאַציאָנאליטעטן, אלס גלײַכבארעכטיקטע מיטגלידער פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. מיר אלע האָבן איין היימלאנד — פסר, דאָס לאנד, ווו דער מענטש ווערט אָפּ־געשאצט לויט איין פרינציפּ — לויטן צושטײַער, וועלכן ער טראָגט ארײַן אין דער ארבעט לעטויוועס זײַן פאָטערלאנד.

פאר די גרויסע דערפאָלגן אין דער ווירטשאפטלעכער און קולטורע־לער בויונג איז די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט ערעוו דעם 50־יאָריקן יובי־ליי פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע באערט געוואָרן מיט דער העכסטער באלוינונג פונעם היימלאנד — מיטן לענין־אָרדען, און אין צוזאמענהאנג מיטן 50־טן יאָרטאָג זינט דער אויסבילדונג פון פסר — מיטן אָרדען „פעל־קער־פרײַנטשאפט".

לעוו שאפּיראָ

ערשטער סעקרעטאר פונעם געגנטקאָם פון דער פארטיי
פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

ביראָבידזשאַן אין צענטן פינפיאָר

אינדוסטריע, בויונג, טראנספּאָרט

דער פארנעם פון דער אינדוסטריעלער פראָדוקצירונג האָט זיך פאר די פארגאנגענע פיר יאָר פונעם צענטן פינפיאָר פארגרעסערט אין דער געגנט אף 22,8 פראָצענט. עס איז ארויסגעלאָזט געוואָרן סכוירעס פון פאָלקס־

געברויך אַף העכער 600 מיליאָן רובל (אין 1979 יאָר אַף 23 פּראָצענט מער, איידער אין 1975).

פאַר פיר יאָר האָט די געגנט אַרײַנגעלייגט אין דער אינדוסטריעלער און קולטור־שטייגערישער בויונג 320 מיליאָן רובל — אַף 23 פּראָצענט מער איידער פאַרן אַנטשפּרעכיקן פּעריאָד פונעם נײַנטן פינפיאָר. עס זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן אין עקספּלואַטאַציע אַזעלכע גרויסע נײַבויונגען, ווי דרײַ באַצירקן פונעם הויפּט־קאָרפּוס פון דעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש״, אַ ברויט־זאַוואָד און אַ מילך־זאַוואָד אין ראַיאָן־צענטער אַמורזעט, אַ ציגל־זאַוואָד אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן, דער אינזשעניער־לאַבאָראַטאָרישער קאָרפּוס פונעם זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס, דער ביראָבידזשאַנער עלעוואַטאָר, דער באַבסטאָוער פּיציכטלערישער קאָמפּלעקס, מער פון 500 קילאָמעטער הויכוואָלטיקע עלעקטראָליניעס און אַנדערע וויכטיקע פאָלקס־ווירטשאַפטלעכע אָביעקטן.

די לאַנדווירטשאַפט,
איר טעכנישע באַוואָפנטקײַט

פאַר פיר יאָר איז אין דער געגנט אויסגעגעבן געוואָרן אַף אַנטוויקלען ווײַטער די לאַנדווירטשאַפט 147 מיליאָן רובל. די ווירטשאַפטן האָבן באַקומען מער פון 18 טויזנט העקטאַר נײַע לאַנדווירטשאַפטלעכע גיטער. אַ גרויסע אַרבעט איז אָפּגעטאָן, קעדיי אַריבערצופירן די פּיצוכט אַף אַן אינדוסטריעלן יעסאָד. מער פון 40 פּראָצענט פון דער מעלק־טשערעדע ווערט איצט אויפגעהאַלטן אין רעקאָנסטרויִרטע אָדער נײַ אויסגעבויטע געבײַדעס.

באַדײַטנדיק איז אויך געשטיגן די טעכנישע באַוואָפנטקײַט פון די סאָווירטן און קאָלווירטן. אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אַרבעטן איצט 2620 טראַקטאָרן, מער פון 1000 קאָמבײַנען, באַ 900 פּראַכט־אווטאָמאָבילן, אַ סאַך אַנדערע נײַסטע מאַשינעס און מעכאַניזמען.

וויל־איינאָרדענונג און קאָמונאַל־שטייגערישע באַדינונג

שענער און וויל־איינגעאָרדנטער זיינען געוואָרן די דערפער. ס׳האָבן זיך באַוויזן אין זיי פילדירעדיקע וווין־הייזער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, נייע פּרעכטיקע געביידעס פון שולן און פאָרשול־אַנשטאַלטן, קלובן, קינאָ־טעאַטערס, אונטערנעמונגען פון קאָמונאַל־שטייגערישער באַדינונג. פאַר די פאַרגאַנגענע פיר יאָר האָט די געגנט באַקומען וווין־הייזער מיט אַן אַל־געמיינעם שעטעך פון 350 טויזנט קוואַדראַטע מעטער. ס׳איז אויסגעפאַר־טיקט געוואָרן די פּראָדוציר־באַזע פונעם טרעסט „בירָאבידזשאַן־מעזשראַי־גאַז“, אַ בלומען־אָראַנזשערייע פון 1000 קוואַדראַטע מעטער, אַ וואַסער־לייטונג אין באַבסטאָווע, די ערשטע ריי פון דער קאַנאַליזאַציע אין אַמור־זעט.

דער באַפעלקערונג זיינען פאַרקויפט געוואָרן סכוירעס אַף 750 מיליאָן רובל — באַדייטנדיק מער, איידער פאַרן זעלבן פעריאָד פונעם נייַנטן פינפ־יאָר. דערצו האָט מיטגעווירקט די פאַרברייטערונג פון דער האַנדלס־נעץ, די פאַרפעסטיקונג פון איר מאַטעריעל־טעכנישער באַזע. אַזוי, צום ביישפּיל, זיינען פאַר אָט דער צייט אויסגעבויט געוואָרן מאַגאַזינען מיט אַ האַנדלס־שעטעך פון העכער 5 טויזנט קוואַדראַטע מעטער, גאָרקיכן אַף צוויי טויזנט ערטער.

דער וווּקס און די באַפרידיקונג פון די קולטור־באַדערפענישן

אין דער געגנט זיינען פאַראַן 120 קלובן, 114 מאַסן־ביבליאָטעקן, מער פון 200 קינאָ־איינריכטונגען, 4 פאָלקס־טעאַטערן, 7 מוזיקאַלע שולן, די בירָאבידזשאַנער קינסטלערישע שול. אין די לעצטע פיר יאָר האָבן זיך באַוויזן אַ ריי נייע קלובן און ביבליאָטעקן, עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געגנטלעכע פילהאַרמאָניע און אַ ייִדישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער.

אין די קלובן און קולטור־הייזער אַרבעטן 104 לעקטאָריעס און קינאָ־לעקטאָריעס.

גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער געזונט־פאַרהיטונג

עס ווערט געפירט אַ פּלאַנמעסיקע אַרבעט, קעדיי ברייטער אַנטוויקלען די געזונט־פאַרהיטונג אין דער געגנט. בלויז פאַר די לעצטע פיר יאָר איז צוליב די דאָזיקע צילן אַסיגנירט געוואָרן אַרום 40 מיליאָן רובל. ס׳איז אויסגעבויט די ערשטע ריי פון אַ נײַעם שפּיטאָל און פון אַ צווישן־שפּיטאָל־אַפּטייק אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן, אַ ראַיאָנישער שפּיטאָל אין וואַלדהיים, אַפּטייקן אין די יישובֿים סמידאָוויטש און ניקאָלײַעווקע, אַן אַמבולאַטאָריע אין יעקאַטערינאָ־ניקאָלסקאָיע. עס האָט זיך פאַרענדיקט די בויונג פון דער ערשטער ריי פונעם נײַעם סאַנאַטאָרי פאַר דער מוטער און קינד „כינגאַנער פּערל״ (אין קוראָרט „קולדור״). הײַיאָר וועט זיך אָנהויבן די בויונג פון נאָך איין שפּיטאָל אינעם געגנטלעכן צענטער. עס האָט זיך פאַרברייטערט די נעץ ספּאָרטיווע געבײַען. פאַר פיר יאָר זײַנען אויסגעבויט געוואָרן צען נײַע ספּאָרטיווע זאַלן אין די שולן און 12 אין די אויסערשול־אַנשטאַלטן. עס ווערט רעקאָנסטרויִרט דער סטאַדיאָן באַם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש״.

אונטערשטרײַענדיק די סאַכאַקלען פון דער אַרבעט פאַר פיר יאָר פונעם פינפיאָר, דריקן אויס די אַרבעטנדיקע פון דער געגנט אויפריכטיקע דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און דער סאָוועטישער רעגירונג פאַר דער זאָרג וועגן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן אינעם כאַבאַראָווסקער קאַנט, אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

אבראַם קרעמער
שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון
געגנטויספירקאָם

די צוקונפט פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן

וועגן די נײַע ארכיטעקטור־פּראָיעקטן, וועלכע וועלן פארווירקלעכט ווערן אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן, דער־ציילט דער פארוואלטער מיט דער גרופּע פון גענעראלע פּלע־נער פון די ארכיטעקטור־פּראָיעקט־ווערקשטעלן נומ. 6 באַם אינסטיטוט „כאַבאַראָווסק־גראַזשדאַנפּראָיעקט", וו. אי. גינז־בורג.

— וולאַדימיר איזראַילעוויטש, מיט וואָס פארנעמט זיך אײַער גרופּע?

— מיר ארבעטן פאנאנדער פּלענער פון באַזונדערע מיקראָראַיאָנען פונעם געגנטלעכן צענטער, ווי אויך פון אנדערע שטעט און יישובים פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, אײַנשליסנדיק די רעקאָנסטרוקציע און די בויונג פון נײַע גאַסן, בריקן, וועגן. פירן די דאָזיקע ארבעט העלפט אונדז דער לענינגראַדער פּראָיעקט־אינסטיטוט „לענגיפּראָגאָר" און דער מאָסקווער אינסטיטוט „גיפּראָקאָמונסטראָי". די פּראָיעקטן זײַנען פארבונדן מיט די פּערספּעקטיוון פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן אויף א דויערנדיקן פּעריאָד — 10—20 יאָר.

— און וועלכע פּראָיעקטן זײַנען שוין פארווירקלעכט?

— מיר האָבן אויסגעפּילט די גענעראלע פּלענער פון די מיקראָראַיאָנען נומער 1 און נומער 3 אין דעם יישעוו אויף יוסעף בומאגינס נאָמען און אינעם זאוואָד פאר דער בײַקאַל־אמורער מאגיסטראַל, דער ראַיאָן, ווו עס ווערט געבויט דער אווטאָרעמאָנט־זאוואָד פאר דער בײַקאַל־אמורער מאַ־גיסטראַל. די נײַע הײַזער בויען זיך אויפן יעסאָד פון פארבעסערטער פּלאַ־נירונג, פון ציגל און פון גרויסע פּאַנעלן. עס איז פּאָרויסגעזען צו שאפן בײַ די נײַע וווינונגס־מאסיוון גרינע זאָנעס, פארברייטערן די פּראָספּעקטן אויף דער שאָלעם־אליכעם־גאַס, לענין־גאַס, סאָוועטסקאַיאַ און אנדערע מאַ־גיסטראַלן. די אלטע הײַזער, ביפּראַט די הילצערנע, וועלן אראָפּגענומען ווערן. באַזונדערס האָבן מיר אין זינען צו פארנעמען זיך מיט די טראַנס־פּאָרט־ארטעריעס. איצט גייען זיי דורכן בריק איבער דער בירע, איבער דער דימיטראָוו־גאַס, קאַלינין־גאַס, און אין פּראָיעקט וועלן זיי ארויסגע־פירט ווערן אויסערן צענטער פון דער שטאָט.

— מיט איין וואָרט, דער פּאַרנעם פון אַרבעט איז באַ אײַך אַ גרויסער...

— מיר גרייטן איצט גענעראַלע פּלענער פאַר דער בויונג פון אַ קינדערגאָרטן, אַ האַנדלס־צענטער און אַ 80־דירעדיק וווין־הויז אינעם ייִשעוו איזוועסטקאָוואַיאַ, אַ געבײַדע פאַרן דאָרפסאָוועט אין בידזשאַן, אַ 107־דירעדיק וווין־הויז מיט אַ מאַגאַזין אינעם ייִשעוו פונעם זאַוואָד פאַרן באַם אינעם געגנטלעכן צענטער, 90־ און 60־דירעדיקע הײַזער אין די ייִשוּווים כינגאַנסק, טעפּלאָאָזיאָרסק.

— וולאַדימיר איזראַילעוויטש, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז מיר שפּאַנען מיט אײַך איבער די גאַסן פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן אין 2000־טן יאָר...

— די שטאָט וועט זײַן צעטיילט אויף זעקס בלאָקן: דער צענטראַלער, מײַרעוודיקער, מיזרעכדיקער, צאָפנדיקער, אײַזנבאַנערישער, זאַרעטשיע און ביראָבידזשאַן־2. אין יעדן פון די דאָזיקע בלאָקן־מיקראָראַיאָנען, וועט זײַן אַ סיסטעם פון געזעלשאַפטלעכע צענטערס, וואָס שליסן אײַן אין זיך אַדמיניסטראַטיווע, קולטור־שטייגערישע, ספּאָרטיווע און האַנדלס־געבײַען. אויף דעם פּרעכטיק־שיינעם בירער ברעג וועלן שטיין די פּילגאָרנדיקע געבײַען פונעם פּיאָנערן־פּאַלאַץ, וועלכער וועט האָבן צוויי באַסיינען, אַ קאָמפּלעקס נײַנגאָרנדיקע הײַזער. דער טײַך וועט האָבן אַ גראַניטענע ברעג־ליניע (נאַבערעזשנע). אויף דער גאָרקי־גאַס וועט אויסגעבויט ווערן אַ קאָמפּלעקס פון אוניווערמאַגן. אַ הײַנטצײַטיקער פּילשטאָקיקער גאַסטראָנאָם וועט שטיין אַנטקעגן דעם געגנטלעכן שפּיטאָל. די הײַזער וועלן זײַן באַפּוצט מיט קאָלירטער קעראַמיק, און דאָס וועט זיי צוגעבן אַ העלן, יאָמטעוודיקן אויסזען. אומעטום — גרינס, בלומען. דאָס אַלץ זײַנען ניט קיין פּאָשעטע פּלענער. ס'איז, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, דער גענעראַלער פּלאַן פון אונדזער לעבן, פון אונדזער קאָנקרעטער אַרבעט, און מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך, אַז די הויפּטשטאָט און די ייִשוּווים פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט זאָלן פון יאָר צו יאָר ווערן שענער און וווילײַנגעאָרדנטער.

■

אפן קולטור־געביט

דאָס ייִדישע בוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד

די אַלפאַרבאַנדישע ביכער־פאַלאַטע האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערשטער מאָסקווער צווישנפעלקערלעכער ביכער־אויסשטעלונג (6 — 14 סענטיאַבער 1977) איבערגעגעבן אין רעשוס פון אונדזער רעדאַקציע אייניקע ידיעות וועגן דעם ייִדישן בוך אין פּסטר.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען פאַר די יאָרן 1928—1976 דערשינען 5.614 ביכער און בראָשורן אין ייִדיש מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש 28.176.000 עקזעמפּליאַרן. אַזויאַרום באַטרעפט בא אונדז אין לאַנד דער דורכשניטלעכער טיראַזש פון א ייִדישן בוך 5.000 עקזעמפּליאַרן.

פאַר דער זעלבער צײַט זײַנען 491 ייִדישע ביכער איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַנדערע שפּראַכן. זייער טיראַזש האָט דערגרייכט 48.180.000 עקזעמפּליאַרן. בלויז פאַר פינף יאָר — פונעם 1971 ביזן 1976 — זײַנען דערשינען אין איבערזעצונגען 81 ביכער פון ייִדישע שרײַבער מיט א טיראַזש פון 8.832.000 עקזעמפּליאַרן.

שאָלעם־אַלייכעמס ווערק זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן 542 מאָל אויף 24 שפּראַכן מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש 9.500.000 עקזעמפּליאַרן. מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט געהאַט 33 אויסגאַבעס מיט א טיראַזש פון 500.000 עקזעמפּליאַרן. י.־ל. פּערעץ — 50 אויסגאַבעס מיט א טיראַזש פון 900.000 עקזעמפּליאַרן.

דעם ייִדישן סאָוועטישן דיכטער לייב קוויטקאָ האָבן אונדזערע פאַרלאַגן געדרוקט 188 מאָל — אויף ייִדיש און אין דער איבערזעצונג אויף 35 שפּראַכן. ל. קוויטקאָס ביכער זײַנען דערשינען מיט א טיראַזש פון 27.000.000 עקזעמפּליאַרן.

אויך די ווערק פון אנדערע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער זײַנען פיל מאָל דערשינען אין פארשיידענע פארלאַגן. אשטייגער, דער פּראָזאיקער ה. פּאָליאַנקער פאַרמאָגט 29 אויסגאַבעס פון זײַנע ביכער, דער דיכטער א. גאָנטאַר — 20, דער פּאָעט און דראַמאַטורג ש. האַלקין — 17. אַזעלכע בײַשפּילן קאָנען געבראַכט ווערן נאָך און נאָך.

ביכער פון ייִדישע שרײַבער ווערן אַרויסגעגעבן בא אונדז אין לאַנד אין מאָסקווע — אין די פאַרלאַגן „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", „כודאָזשעסטווענאַיאַ ליטעראַטוראַ", „דעטגיז", אין קיִעוו — אין די פאַרלאַגן „דניעפּראָ", „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק", „וועסעלקאַ", אין מינסק — אין מעלוכישן ווײַסרוסישן פאַרלאַג, אין קעשענעוו — אין פאַרלאַג „קאַרטיאַ מאָלדאַוואַנעסקו", אין ריגע — אין מעלוכישן לעטלענדישן פאַרלאַג, אין ווילנע — אין פאַרלאַג „טאַוודיאַ" און אין אנדערע שטעט.

דער מערסטער טייל ווערק פון די ייִדישע שרײַבער, איידער זיי דערשײַנען אין א בוך־פאָרם, דרוקן זיך אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". העכער 130 אווטאָרן זײַנען הײַנט־צו־טאָג פאַרבונדן מיטן זשורנאַל, 34 פון זיי זײַנען מיטגלידער פונעם שרײַבער־פאַריין.

ביכער פון ייִדישע שרײַבער אין 1978—1979

1978

אינעם פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

אויף ייִדיש:

ב ע ר ה א ל פ ע ר ן. „מײַן ייִכעס", דערציילונגען. 280 ז.
ע ל י ע ג א ָ ר ד א ָ ן. „אונטער דער הייסער זון", ראָמאַן. 464 ז.
ש י ק ע ד ר י ז. „האַרבסט", לידער. 240 ז.

נאָטע לוריע. „יאם און הימל", ראָמאן, דערציילונגען און פארצייכע־נונגען. 288 ז.
כאַים מעלאמוד. „ווארעם אש", ראָמאן און דערציילונגען. 512 ז.
יויסעף ראבין. „אין פארשיידענע צײַטן", ראָמאן און דערציילונגען. 448 ז.
מאָטל טאלאלאיעווסקי. „אין לעבן פארליבט", לידער. 136 ז.

אין דער איבערזעצונג אף רוסיש:

הערשל פּאָליאנקער. „דער אלטער סאנטאָס און זײַנע יאָרשים", ראָמאן. 352 ז.
ריווקע רובין. „עס שפּינט זיך דער פאָדעם", דערציילונגען. 400 ז.

אינעם פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא"

(אין דער איבערזעצונג אף רוסיש)

שמועל גאָרדאָן. „באם ווײַנגאָרטן". 624 ז.
ארן ווערגעליס. „אויסדערוויילטס", לידער. 334 ז.

אין די רעפּובליקאנישע פארלאגן

מאָטל טאלאלאיעווסקי. „דער מאמעס בוך" (קיִעוו, אף אוקראִי־ניש). 253 ז.
הערשל פּאָליאנקער. „דער לערער פון מעדזשיבאָזש" (קיִעוו, אף רוסיש). 327 ז.
נאָטע לוריע. „אין וועג", א ציקל דערציילונגען (קיִעוו, אף אוקראִי־ניש). 300 ז.

1979

אינעם פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“

אף יידיש:

ריווע באליאסנע. „גאָלדענער בלעטערפאל“, לידער און פּאָעמע. 128 ז.
כאים ביידער. „כאנוקאס־האבאיס“, לידער און באלאדעס. 136 ז.
שמועל גאָרדאָן. „די אייביקע מאָס“. דערציילונגען. 552 ז.
נאטאן זאבארע. „גאלגאל האכויזער“, ראָמאן. 472 ז.
איציק קיפּניס. „אונטערוועגנס“. דערציילונגען. 448 ז.
מוישע קולבאק. „דער מענטש איז גוט“, לידער. 224 ז.
מישע מאָגילעוויטש. „אָפנהערציקייט“, לידער. 112 ז.

אין דער איבערזעצונג אף יידיש:

לעאָניד איליטש ברעזשנעוו. „די קליינע ערד“, „ווידערגעבורט“, „צעלינא“, 240 ז.

אין דער איבערזעצונג אף רוסיש:

ארן ווערגעליס. „זעכצן לענדער, איינגעשלאָסן מאָנאקאָ“ (רייזענאָטיצן). 416 ז.
שירע גאָרשמאן. „לעבן און ליכט“, דערציילונגען. 352 ז.
דאָרע כייקינע. „דער קישעפדיקער לייטער“, לידער און פּאָעמע. 168 ז.

אינעם פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“

מאָטל גרוביאן. „מיין וועלט“, לידער. 296 ז.
שמועל גאָרדאָן. „דערציילונגען“. 318 ז.
לייב קוויטקאָ. „אויסדערוויילטס“. 397 ז.

אינעם פארלאג „מאליש״

ד אָ ר ע כ ײַ ק י נ ע. „מיט װעמען קאָן אזױנס ניט טרעפן״, קינדער־לידער. 24 ז.

אין די רעפּובליקאנישע פארלאגן

ה ע ר ש ל פ אָ ל י א נ ק ע ר. „נאָענטע און באקאנטע״ (קיִעװ, אף רוסיש). 359 ז.

ה י ר ש ר ע ל ע ס. „אונטער יעדער דאך״ (מינסק, אף רוסיש). 192 ז.

מ י ש ע מ אָ ג י ל ע װ י ט ש. „מיר בױען א בריק״ (קיִעװ, אף אוקראַיִניש), לידער. 32 ז.

ד אָ ר ע כ ײַ ק י נ ע. „לידער״ (קיִעװ, אף אוקראַיִניש). 136 ז.

200 נומערן „סאָװעטיש היימלאנד״

צװיי הונדערט בענדער „סאָװעטיש היימלאנד״ — װי גרױסמאסשטאַביק און פארכאַפנדיק איז אָט די דערגרייכונג פון דער סאָװעטישער ייִדישער ליטעראטור! ס׳װעט ניט זײַן קײן גוזמא צו זאָגן, אז אין די 200 בענדער איז צונױפגעזאמלט אלדאָס מאמאָשעסדיקס, װאָס עס ברענגט איצט מיט זיך אין א קינסטלערישער פאָרם דאָס ייִדישע װאָרט.

צװיי הונדערט הויך קינסטלערישע, אידייִיש אָפּגעהיטע, עכט פּראָפעסיאָנעלע אין שרײַבערישן פּראט, פּרעכטיק ארױסגעגעבענע לױט די פּאָליגראפישע סטאנדארטן ביכער־זאמלונגען. א צװייהונדערטבענדיק קאָלעקטיװ װערק פון דער שעפערישער מישפּאָכע ייִדישע בעלעטריסטן, דיכטער, ליטעראטור־פאָרשער, קריטיקער, קונסטקענער, פּובליציסטן, לינגװיסטן, װעלכע לעבן און שאפן אין סאָװעטנפארבאנד.

דאָס באטײַט, קוידעמקאָל, אז די ייִדישע ליטעראטור איז א לעבנס־נוצלעכע און איר שעפערישער צענטער איז מאָסקװע, דאָס סאָװעטישע סאָציאַליסטישע לאנד. אין יעסאָד פון זײער שאפונג האָבן די סאָװעטישע ייִדישע שרײַבער אנטקעגעלייגט די הײַנטצײַטיקע טעמאטיק.

ביז גאָר באַלערעוודיק איז די סטאַטיסטיק פון די זשאַנרען און פון די פאַרעפנטלעכטע ווערק, וואָס די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" טיילט מיט דעם לייענער אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשײַנען פונעם צווייהונדערטסטן נומער פון דעם זשורנאַל. אין שײַן פון אָט די ציפערן זעט מען באַשײַמפּערלעך דעם הײַנטיקן מאַצעוו פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין די 200 בענדער „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן: 52 ראָמאַנען, 68 גרעסערע דערציילונגען און 1002 דערציילונגען און נאָוועלן, 61 פּאָעמעס, 5344 לידער, 25 פּיעסן, 401 דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונג, 1059 קריטישע אַרבעטן, 271 פּובליציסטישע אַרטיקלען.

א רעגולערער ביכער־צוגאָב צו „סאָוועטיש היימלאַנד"

די ביכער־בײַלאַגע צו „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט. דער לייענער האָט שוין באַקומען זעקס ביכלעך. ס'וועט דורכגיין א צײַט, און ער וועט האָבן אין זײַן שטוב אַן אַזויגערופענע „מאַסן־ביבליאָטעטשקע" פון די ווערק פון הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. צוליב דעם וועלן זיך ניט פאָדערן קיין שום באַמיִונגען: יעדן כוידעש — א ביכל, צוזאַמען מיטן זשורנאַל קומט עס אָן מיט דער פּאָטשט. עס קאָסט ניט קיין געלט. לויט דער פאָרלויפיקער מעלדונג ווייסט דער לייענער, וועלכע ביכלעך ער וועט באַקומען אין די נאָענטסטע כאַדאָשים.

דאָס וועט זײַן א קאָלעקטיווער שאַלױעך אין דער הײַנטצײַטיקײַט, געשיקט פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אָן אַרויסגעשטעלטער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" ליטעראַרישער שפּיגל, אין וועלכן דער לייענער וועט דערזען, ווי אף א רעגולערער אופלויכטנדיקן עקראַן, דאָס איצטיקע לעבן אין סאָוועטנלאַנד, דעם מאַצעוו פון די סאָוועטישע ייִדן אין די נײַע יאָרצענדליקער.

מיר ווייסן זייער גוט, אַז אונדזער ייִדישע ליטעראַטור קאָן באַוואָרענען פאַר זיך א העמשעך בלויז באַם באַדינג, אויב זי וועט ניט אָפּלייגן אף קיין איין טאָג דאָס רעאַליזירן אין קאָנקרעטע ווערק די פונקציאָנאַלקײַט פון אַן אָנטיילנעמערן אין די לעבנס־פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר איצט. די ביבליאָטעק באַם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" דאַרף אונדז העלפן צו

פארווירקלעכן די דאָזיקע אופגאבע. דערבײַ וועט זי נעמען אף זיך א מא־
מאָשעסדיקן אָנלאָד — צונויפזאמלען אונטער איין „דאך" און אראָפברענגען
צום לייענער דעם הײַנטצײַטיקן דאָקומענטאלן זשאנער אין דער סאָוועטי־
שער יִדישער ליטעראטור: די קינסטלערישע פארצייכענונג, דעם רעפּאָר־
טאזש, דעם פּאָליטיש־אקטועלן מאטעריאל פונעם לויפנדיקן לעבן.

פארשטייט זיך, אז אויך אנדערע זשאנרען, אכוץ דער דאָקומענטאלער
פּראָזע, וועלן געפינען זייער אָרט אין דער „מאסן־ביבליִאָטעטשקע". דער
לייענער וועט באקומען פרישע נאָוועלן־ציקלען, אקטועלע דיכטערישע שאַ־
פונגען, ליטעראריש־קריטישע ארבעטן, פאָרשערישע מאטעריאלן ארום דער
יִדישער ליטעראטור און געשיכטע, מוסטערן פון הומאָר און סאטירע,
אָפּהאנדלונגען וועגן קונסט און מוזיק. אויך די לעקציעס וועגן דער יִדי־
שער שפראך, וואָס דרוקן זיך שוין יאָרנלאנג אין „סאָוועטיש היימלאנד",
פּונקט ווי אנדערע הילפס־מאטעריאלן, וועלן אין דער „מאסן־ביבליִאָטע־
טשקע" ארויסגעגעבן ווערן אין דער פאָרם פון באזונדערע ביכלעך.

ס'איז דערפרייענדיק און ביז גאָר וויכטיק, וואָס אײנצײַטיק מיט אָט
דער נײַער איניציִאטיוו פון „סאָוועטיש היימלאנד" ווערט אלץ מער סטאביל
און עס באקומט אן אלץ גרעסערן פארנעם די פארלעגערישע טעטיקײַט
אין געביט פון דער יִדישער ליטעראטור אף יִדיש, רוסיש און אנדערע
שפּראכן, וואָס עס אנטוויקלען די אלפארבאנדישע צענטערן פון בוך־דרוק —
„סאָוועטסקי פּיסאטעל", „גאָסליטיזדאט", „דיעטגיז" — צוזאמען מיט א ריי
פארלאגן אין די רעפּובליקן. די „גרויסע ביבליִאָטעק" פון נײַ־ארויסגעגע־
בענע יִדישע ביכער וואקסט פון יאָר צו יאָר. גאנץ באפרידיקנדיק זײַנען
דאָ די טיראזשן, די פּאָליגראפישע כאראקטעריסטיקעס פון די ארויסגעגע־
בענע ביכער, ווי אויך די דורכגעטראכטע האנדל־סיסטעם, וואָס איז בארופן
דערפירן דעם בוך צום לייענער. אין סאָוועטנפארבאנד לײַדט ניט דאָס
יִדישע פארלאג־וועזן פון „אליינעניו"־בראק און פון דער אָפּוועזנהײַט פון
א לייענער־געברויכער. וואָס איז שײַעך די איבערגעזעצטע אויסגאבעס פון
יִדיש אף אנדערע שפּראכן, האָט אונדזער ליטעראטור קיינמאָל ביז איצט
ניט געוווּסט פון אזא ברייטן פארנעם אף אָט דעם געביט.

אף דעם דאָזיקן פּאָן דארף די סיסטעמאטישע כוידעש־ביבליִאָטעק באם
זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" אָפּגעשאצט ווערן ווי א ווײַטערדיקע פּער־
ספּעקטיוופולע אנטוויקלונג.

■

יידישע און העברעיִשע פּאַנדן אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק

אין צוזאַמענהאַנג מיטן זיגרײַכן וווּקס פֿון דער באַפֿרײַונגס־באַוועגונג אין די מיזרעך־לענדער פֿון דער וועלט און דעם ריזיקן אופשוווּנג פֿון די אַזיִאַטישע און אַפֿריקאַנישע ליטעראַטורן האָט זיך אין סאָף 1952 — אָנ־הייב 1953 אויסגעפֿורעמט פֿון דער אָפּטיילונג פֿון די נאַציאָנאַלע ליטע־ראַטורן אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק, אַלס זעלבשטענ־דיקער סעקטאָר, אַן אָפּטיילונג פֿון דער ליטעראַטור פֿון די פֿעלקער פֿון אַזיע און אַפֿריקע, וועלכע איז באַוווּסט, לויט די ראָשעטײיוועס אָף רוסיש, ווי „אָלסאַא״. אַהער זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן די ליטעראַטור־פּאַנדן, „געדרוקטע מיט די קוואַדראַטע אויסיעס״ (יידיש, העברעיִש, אַראַמעיִש, קאַראַיִמיש, קרימטשאַקיש, לאַדינאָ, פּערסיש און אַראַביש).

אַזעלכע אָפּטיילונגען זײַנען פֿאַראַן אויך אין פֿיל אַנדערע גרעסערע ביבליאָטעקן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, נאָר אין דער לענינגראַדער עפנטלע־כער ביבליאָטעק טראָגט זי אַ באַזונדערן כאַראַקטער.

לויט די אָנגאַבן אָפּן 1 יאַנוואַר 1978 זײַנען דאָ צונויפֿגעזאַמלט העכער 140 טויזנט ביכער, 200 טויזנט זשורנאַלן, 3300 יערלעכע קאָמפּלעקטן צײַטונגען אָף 285 שפּראַכן. די צאָל ביכער אין יידיש איז 18.800, אין הע־ברעיִש צוזאַמען מיט אַנדערע צאָפֿן־שעמישע שפּראַכן 18.400.

ס'איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז דער העברעיִשער פּאָנד פֿאַרמאָגט ניט נאָר פּאָסט־אינקונאַבעלן (ד. ה. ביכער, געדרוקטע ביזן 1550), נאָר אויך אינקונאַבעלן (ביכער, געדרוקטע ביזן 1500).

דער העברעיִשער און יידישער פּאָנד פֿון דער לענינגראַדער עפֿנט־לעכער ביבליאָטעק באַשטייט קוידעמקאָל פֿונעם אָבליגאַטאָרישן עקזעמ־פּליאַר, וואָס זי פֿלעגט באַקומען אין זײַנערצײַט און באַקומט אויך איצט, אויסער דעם — פֿון דעם אַזויגערופֿענעם „לוואָווער פּאָנד״, וועלכער באַ־שטייט קימאַט אויך פֿון אַלע געדרוקטע העברעיִשע און יידישע ביכער, וואָס זײַנען דערשינען אָף דער טעריטאָריע פֿון פּוילן און גאַליציע. האַגאַם

עס פעלן פיל „אָבליגאַטאָרישע ביכער״, שטעלן מיט זיך פאָר די צײַטונגען און זשורנאַל־פאָנדן אין ייִדיש און העברעיִש פאַר א ריי יאָרן די רײַכסטע מאַסיוון אַף די דאָזיקע שפּראַכן. אין דער לענינגראַדער ביבליאָטעק זײַנען פאַראַן אוניקאַלע ביכער און אַנדערע דרוק־מאַטעריאַלן אין ייִדיש און העברעיִש.

מיט א יאָר פופצן צוריק האָבן די גרעסטע ביבליאָטעקן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד — די לענין־ביבליאָטעק, די צענטראַלע ביכער־פּאַלאַטע, ווי אויך די לענינגראַדער עפנטלעכע ביבליאָטעק אַף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען צונויפגעשטעלט אַן אַלגעמיינעם קאַטאַלאָג פון דער סאָוועטישער פּרעסע אָנהייבנדיק פון 1917. עס איז אויסגעקומען דורכקוקן טויזנטער נומערן צײַטונגען, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין מעשך פון 40 יאָר. דאָס איז געווען ניט קיין לײַכטע זאַך. עס איז אויסגעקומען צו באַקאַנען זיך מיט אויסגאַבעס, וועלכע זײַנען אין דער צײַט פונעם בירגערקריג געווען געדרוקט אַף דער לינקער זײַט פון פּאַק־פּאַפּיר, צווישן זיי — די צײַטונג „קאָמוניסטישע שטים״, אָרגאַן פון אָדעסער גובקאָם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) אַף אוקראַיִנע (ייִדאָפּטיילונג) אאַ. יעדער נומער פון אַזעלכע צײַטונגען שטעלן מיט זיך פאָר א שטיק געשיכטע.

ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט אויצרעס, וועלכע זײַנען ניט באַוווּסט ניט נאָר פאַר ווייניק באַהאַונטע לייענער, נאָר אַפילו פאַר געניטע ביבליאָטעקטוער.

אין דער לענינגראַדער ביבליאָטעק טרעפן זיך פיל נומערן פון סאָוועטישע ייִדישע צײַטונגען, באַזונדערס פונעם בירגערקריג־פּעריאָד, וואָס פעלן אין די צענטראַלע מאָסקווער ביבליאָטעקן. דער גרעסטער טייל פון דער דאָזיקער גרופּע צײַטונגען איז געדרוקט אין די מײַרעוודיקע אָדער צאָפן־מײַרעוודיקע געגנטן פון אונדזער לאַנד, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס פלעגן אַרויסגיין איין מאָל, צוויי מאָל, אָדער דרײַ מאָל אין וואָך. אָפט טרעפט זיך, אַז דער אָדער יענער נומער פון א צײַטונג, וואָס מע האַלט אין דער האַנט, איז ניט נאָר דער איינציקער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, נאָר ביכלאַל אין דער גאָרער וועלט.

די אָפּטיילונג באַזוכן זייער פיל לייענער. צווישן זיי א היפּשע צאָל לייענער פון דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור. דאָס זײַנען

מענטשן מיט פאַרשיידענער בילדונג — אָנהייבנדיק פון סטודענטן ביז דאָ־צענטן און פּראָפעסאָרן פון א ריי וויסנשאַפטלעכע און לערן־אינסטיטוטן.

לעצטנס זײַנען אינעם פיליאַל פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אף ליטיינע־גאַס, 49, דעמאָנסטרירט געוואָרן צוויי אויסשטעלונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד: איינע, געווידמעט די פּראָזע־שאַפונגען, די צווייטע, געווידמעט דער פּאָעזיע אין דער ליטעראַטור אף געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעמעס, ווי אויך דער פּעריאָדיק.

לייב ווילסקער

ייִדישע ליטעראַטור אין דער מאָסקווער ביבליאָטעק אף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען

מאָסקווע, סאָקאָלניקי, זעקסטער לוטשעוואָי פּראָסעק, 21. דאָ געפינט זיך דער פיליאַל פון דער מאָסקווער צענטראַלער עפנטלעכער ביבליאָטעק אף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען — דער אָפּטייל פון די ליטעראַטורן אף פאַר־שיידענע שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר. די פאָנדן פונעם אָפּטייל ציילן אָן העכער הונדערט טויזנט בענדער אף זעכציק שפּראַכן. באַזונדערס רײַך איז די לעניניאַנע — וו. אי. לענינס ווערק זײַנען דאָ צונויפגעזאַמלט אף אַלע לעשוינעס, וועלכע עקזיסטירן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

מאָסקווע, ווי באַוווסט, איז א פילנאַציאָנאַלע שטאָט. דער XXV צוזאַ־מענפאָר פון קפּסס האָט אָפּגעמערקט, אז אונדזער הויפּטשטאָט סימבאָלי־זירט די ברידערלעכע פרײַנטשאַפט פון פעלקער און שטעלט מיט זיך פאָר די פאַרקערפּערונג פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. אָט די אייגנ־שאַפט נעמען מיר באַזונדערס אין אכט אין אונדזער אַרבעט.

דער פיליאַל פון אונדזער ביבליאָטעק אָרדנט אײַן באַגעגענישן פון די לייענער מיט די רעדאַקציעס און אַוטאָרן פון א ריי ליטעראַריש־קינסט־לערישע זשורנאַלן. פאַר דער לעצטער צײַט זײַנען אַזעלכע אָוונטן געווען געווידמעט די זשורנאַלן „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו", „קאַזאַן אוטלאַרי", „סאָ־וועטיש היימלאַנד" און אַנדערע.

פאראַן בא אונדז א פּאַנד יידישע ביכער, וועלכער וואַקסט פון טאָג צו טאָג, באַנײַט זיך, באַרײַכערט זיך. מיר באַקומען אַלע אויסגאַבעס פון די הײַנטצײַטיקע יידישע סאָוועטישע שרײַבער און פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע דערשײַנען אין סאָוועטישע פאַרלאַגן. די יידישע ליטעראַטור איז בא אונדז פאָרגעשטעלט אין פאַרשיידענע שפּראַכן — אַף יידיש, רוסיש, אין דער איבערזעצונג פון אנדערע שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר. יעדערער פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן האָט זײַנע לייענער. אייניקע לייענען די יידישע ליטעראַטור אין זייער מוטער־שפּראַך, אנדערע — אין רוסיש, מאָלדאַוואַניש, אוקראַיִניש, ליטוויש, ווײַסרוסיש.

מיר זײַנען ביז גאָר צופרידן, וואָס צווישן אונדזער ביבליאָטעק און דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן זיך אײַנגעשטעלט גוטע קאָנ־טאַקטן. דאָס דערלויבט דערנענטערן דעם לייענער צו די שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, אָרגאַניזירן באַגע־גענישן, אָוונטן, באַהאַנדלונגען פון נײַע ווערק און גיט א מעגלעכקײַט צו פאַרווירקלעכן דעם פּערספּעקטיוו־פּלאַן פון דער אַרבעט מיט די לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור.

שאָלעם־אַלייכעם־מוזיי אין פּערעיאַסלאַוו

דעם 10 סענטיאַבער 1979 איז אין שאָלעם־אַלייכעמס געבורטשטאָט פּערעיאַסלאַוו (הײַנט פּערעיאַסלאַוו־כמעלניצקי) פײַערלעך געעפנט געוואָרן א שאָלעם־אַלייכעם־מוזיי. אַפן מיטינג זײַנען בײַגעווען א סאַך פּערעיאַסלאַ־ווער אײַנוווינער, סטודענטן פון דער היגער פּעדאַגאָגישער שול, שילער, געסט, טוריסטן. געעפנט דעם מיטינג האָט דער סעקרעטאַר פונעם פּערעיאַ־סלאַוו־כמעלניצקער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי וו. גובאַנאָוו:

— דעם 2 מאַרט 1979 איז געוואָרן 120 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, אונדזער לאַנדסמאַן שאָלעם־אַלייכעם. די פּערעיאַסלאַווער אײַנוווינער האָבן ליב און שעצן הויך זײַן שאַפונג, זיי האָבן א סאַך געהאָלפן אינעם שאַפן דעם דאָ־זיקן מוזיי — אופגעזאַמלט פיל אוניקאַלע עקספּאָנאַטן, וועלכע דערציילן וועגן דעם שרײַבערס לעבן און שאַפונג.

מיט א רעדע וועגן שאָלעם־אַלייכעמען איז ארויסגעטראָטן דער שטעל־פארטרעטער פונעם דירעקטאָר פון מוזיי מ. יערמאָלײַעוו. דער מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ה. פאָליאנקער האָט באגריסט דאָס עפענען דעם מוזיי און איבערגעלייענט לידער פון פארשיידענע שרײַבער, געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמען. דער ליבהאָבער פון ביכער אי. טשור־בינסקי האָט אונטערגעטראָגן דעם מוזיי מאטאָנעס, צווישן זיי — כפייצים, וועלכע האָבן געהערט פערזענלעך שאָלעם־אַלייכעמען.

דער סעקרעטאר פונעם שטאָטקאָם פון דער פארטיי וו. גובאנאָוו שנײַדט איבער די רויטע סטענגע און לאדט אײַן דעם אוילעם צו באקוקן די צימערן און עקספּאָנאטן.

דער מוזיי געפינט זיך אין א הויז, וואָס איז טיפּיש פארן XIX יאָרהונדערט. אין וועסטיביול הענגט א גרויסער שאָלעם־אַלייכעם־פּאָרטרעט, באַפּוצט מיט די ווערטער פון מאקסים גאָרקי אין זײַנעם א בריוו צום שרײַבער:

„אופריכטיק געאכטעטער קאָלעגע! אײַער בוך באקומען, געלייענט, געלאכט און געוויינט. א וווּנדערלעך בוך... דאָס בוך איז מיר זייער געפעלן — איך כאַזער איבער נאָכאמאָל — א פרעכטיק בוך! עס שפּרודלט מיט אזא פײַנער גוטסקײַט און קלוגשאפט, מיט אזויפיל ליבע צום פאָלק".

באנאנד מיט מאקסים גאָרקיס טעקסט גייט די ליד פון מאקסים רילסקי:

ווו טרערן זײַנען און געלעכטער,
שאָלעם־אַלייכעמס קלינגען ווערטער,
דאָרט — אף פּערעיאסלאווער ערד —
איין פּײַן צוויי פעלקער האָט גענערט.
געלעבט, געטרוימט אין מי און פרידן
האָבן אוקראַינער און יידן.

(יידיש — כ. ביידער)

אין איינעם פון די עקספּאָזיציעס איז געבראכט, באנאנד מיטן שרײַבערס פּאָרטרעט (קינסטלער ה. אינגער), די ארויסזאָגונג פונעם אקאדעמיקער א. קאָרנייטשוק:

„דער רומפולער זון פונעם יידישן פאָלק שאָלעם־אַלייכעם איז אייגן און נאָענט אוקראַינע ניט בלויז דערמיט, וואָס ער האָט דאָ געלעבט, געשאפן, מאָלנדיק מיט גרויס ליבע די אוקראַינישע נאטור. ער איז אונדז

אייגן און נאָענט קוידעמקאָל דערפאר, וואָס ער האָט זײַן הארץ, זײַן ליבע, זײַן גלענצנדיקן טאלאנט געשענקט דעם האָרעפּאַשנעם פאָלק".

אפן בילד פונעם קינסטלער יו. כימיטש איז באוויזן דאָס הויז פון נאָכעם ראבינאָוויטש — שאָלעם־אליינעמס פאָטער. עס זײַנען עקספּאָנירט פאָטאָגראפיעס פון פערעיאסלאוו פון XIX יאָרהונדערט. א רעאליסטישע פאָרשטעלונג פון פערעיאסלאוו פון יענער צײַט גיבן די בילדער פונעם קינסטלער ז. טאָלקאטשאָוו „א פייזאזש מיט א הייפל", „שכיינים", „דער קאס פון א ייִדענע", פונעם קינסטלער מ. גאָרשמאן „דער מארק", „א ווע־טשערינקע", „אף א שטעטלשער גאס".

אינעם מוזיי קאָן מען זען עקספּאָנאטן, וועלכע האָבן אן אינטימע שײַכעס צו שאָלעם־אליינעמען: א צײַגעניש, אז ער האָט געענדיקט די אויעזד־שול, א פאָטאָגראפיע, אף וועלכער עס זײַנען באוויזן דער שרײַבער מיט זײַנע היימישע און באקאנטע. אינטערעסאנט זײַנען די איליוסטראציעס פון ז. טאָלקאטשאָוון צו „טעוויע דער מילכיקער". די זײַטן פונעם בוך „טעוויע" זײַנען באפוצט מיט אן אוקראַיִנישן קאָלאָריט, מיט פאָלקסווערט־לעך שפּריכווערטער, בילדער פון דער אוקראַיִנישער נאטור.

א גרויסן אינטערעס שטעלן פאָר די עקספּאָזיציעס, געווידמעט שאָ־לעם־אליינעמען דעם קינדער־שרײַבער, שאָלעם־אליינעמען דעם דראמא־טורג. עס זײַנען באוויזן עסקיזן פון די טעאטראלע קליידער, וואָס עס האָט אויסגעפּילט דער פאַרדינסטפולער קולטור־טוער פון אוקראַיִנע א. פלאק־סין צו דער שטעלונג פון „בלאָנדזשנדע שטערן", פאָטאָגראפיעס פון מ. קרושעלניצקי אין דער ראָל פון טעוויען, פון ש. פיגנעראָווע אין דעם „פארקישעפטן שנײַדער", אפישן פון מאָסקווע, אָדעס, טשערנאָוויץ און אנדערע שטעט וועגן די שטעלונגען פון שאָלעם־אליינעמס פּיעסן.

די באזוכער שטעלן זיך אָפּ בא די פאָטאָגראפיעס, אף וועלכע עס זײַנען באוויזן שאָלעם־אליינעם מיטן זיידן פון דער ייִדישער ליטעראטור — מענדעלע מוכער־ספרים.

מיר גייען ארײַן אינעם צימער פון נאָכעם ראבינאָוויטש. שאָלעם־אליינעם האָט, ווי מע דערציילט, ליב געהאט דאָרט צו פארברענגען. א שרײַבטיש, אן עטאזשערקע, א פוטליאר פאר די ברילן, פענסנע, אפן טיש — שרײַבגעצײַג, א פאָטאָקאָפּיע פון מאנוסקריפטן, א בוך פון ל. טאָל־סטאָי, פאָרטרעטן פון ט. שעווטשענקאָ, ל. טאָלסטאָי, א. טשעכאָוו, מ. גאָר־קי. דער אינטעריער איז געמאכט אזוי געלונגען, אז מע זעט א טיפּישן צימער

פונעם XIX יאָרהונדערט: א הילצערנע בעט, א טיש, אן אלמער, א סער־וואנט, א קאמאָד. אין בופעט און אין קופערט — געפעס פון דעם פאַבריקן יאָרהונדערט, אפן טיש — א טישטעך, א סאמאָוואר, א שפיגל (געבראכט פון קראסנאָארמייסקי־גאס אין קיעוו, ווו שאָלעם־אליכעם האָט געוווינט). אלץ זעט אויס אזוי, ווי דער באלעבאָס וואָלט נאָרוואָס ארויס פון צימער.

אין די עקספּאָנאטן פונעם מוזיי איז פאראן א היפּש פּעקל בריוו פון שאָלעם־אליכעמען. די בריוו האָט איבערגעגעבן דעם מוזיי שאָלעם־אליי־כעמס אייניקל בעל קויפמאן. די גאנצע עקספּאָזיציע באווייזט די גרויסע פריינטשאפט פון שאָלעם־אליכעמען מיט די פּראָגרעסיווע טוער פון דער רוסישער און אוקראַינישער קולטורן.

די פּערעיאסלאווער איינוווינער האָבן אויס ליבשאפט און אכטונג צו זייער געניאלן לאנדסמאן ניט געשאנעוועט קיין מי, קעדיי צווישן אנדערע ליטעראטור־היסטאָרישע מעמאָריאלן זאָל פארנעמען זיין אָרט דער שאָ־לעם־אליכעם־מוזיי, וואָס איז אן עמעסע צירונג פונעם אוקראַינישן יישעוו, ווו ער שטייט.

אן אויסשטעלונג פון שאָלעם־אליכעמס ווערק

עס איז געוואָרן 100 יאָר, זינט שאָלעם־אליכעם האָט דעביוטירט אין דער וואַרשעווער צייטונג „הצפירה" מיט א קאָרעספּאָנדענץ פון פּערע־יאסלאוו וועגן דעם צושטאנד פון בילדונג אין זיין היימשטאָט. אין דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ פּאָלעמיזירט ער מיט זיין לאנדסמאן שימשן הורוויץ אין סטיל פון די מיטצייטלער מאסקילים. אונטער דער קאָרעס־פּאָנדענץ שטייט די כסימע: „שאָלעם ראבינאָוויטש".

דעם פּסעוודאָנים זיינעם „שאָלעם־אליכעם" האָט שאָלעם ראבינאָוויטש צום ערשטן מאָל געשטעלט אין פיר יאָר ארום, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג „יודישעס פאָלקסבלאַט" די דערציילונג „די וויבאָרעס".

די פּאָטאָגראפיע פון שאָלעם־אליכעמס ערשט ווערק מיט זיין צו־שריפט אין רוסיש. — «Мое первое печатное слово. Ш. Ал.» („מיין ערשט געדרוקט וואָרט") איז עקספּאָנירט צווישן אנדערע מאטעריאלן אף דער אויסשטעלונג, געווידמעט דעם 120־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן קלאסיקער אין דער לענינגראדער עפנטלעכער ביבליאָטעק אף מ. יע. סאלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען.

באַ דרײַ צענדליק שאָלעם־אליכעמס אוניקאַלע אויסגאַבעס אַנטהאַלט די עקספּאָזיציע, צווישן זיי אַזעלכע, ווי „שימעלע" („שימעלי. ספור, מאת שלום עליכם — אין זשורנאַל „האָסיף לתקופת השנה", באַנד 5, 1889, נומ. 4, ז. 47—61), וואָס איז אַפילע ניט דערמאָנט אינעם באַוווּסטן „שאָלעם־אליכעם־בוך". אַף דער אויסשטעלונג געפינען זיך אויך אַנדערע זעלטענע אויסגאַבעס:

תמונות וצללים מחיי היהודים במאַזעפּעווקאַ. מאת שלום עליכם, אַרויסגעגעבן אין פּעטערבורג אין 1889. אַף דער רוסישער הילע איז אָנגעוויזן: Тмунэсъ и Цломим, т. е. Изобрания и тена, СП, 1889; און פאַרריכט מיט טינט — עפשער אַפילע מיצאַד שאָלעם־אליכעמען זעלבסט «Изображения и тени».

אַף דער אויסגאַבע פון דעם זעלבן ווערק אין 1890 (אויך אין פּעטערבורג) ווערט געגעבן די איבערזעצונג אַף רוסיש: Темунот и Цломим, т. е. типы и силуэты Шолом-Алейхема. С. Петербург, 1890.

און אַן אופשריפט אַפן שאַרבלאַט: Выдать билет СПб. 16 августа 1890 за цензора И. Ландау.

די לענינגראַדער עפנטלעכע ביבליאָטעק פאַרמאָגט קימאַט אַלע אויסגאַבעס פון שאָלעם־אליכעמס ווערק, אָנהייבנדיק פון די ערשטע יאָרן, זינט עס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן זײַנע געקליבענע שריפטן. אַף דער אויסשטעלונג דעמאָנסטרירן זיך די אויסגאַבעס פון 1909 (וואַרשע), 1911 (אויך וואַרשע), 1914 (דאָס זעלבע), ווי אויך „אַלע ווערק פון שאָלעם־אליכעם", (ניו־יאָרק 1917, 1919 און 1920), „אַלע ווערק פון שאָלעם־אליכעם, וועלכע זײַנען דערשינען אין 1925 אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, שאָלעם־אליכעמס געקליבענע ווערק, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן באַ אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין די יאָרן 1926—1948 (אין מאָסקווע, כאַרקאָוו און קיִעוו), ווי אויך דער באַנד „אויסגעוויילטע ווערק", וועלכער איז דערשינען אין מאָסקווע אין 1959 צו שאָלעם־אליכעמס 100־טן געבורטסטאָג.

די אויסשטעלונג גיט אַ מעגלעכקײַט די לייענער צו באַקאַנען זיך מיט שאָלעם־אליכעמס ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען שוין נאָך דער מילכאָמע אין פאַרשיידענע לענדער, ווי אויך מיט די איבערזעצונגען אַף העברעיִש, רוסיש און אַנדערע שפּראַכן.

■

די גרינדונג פון א נײַעם ייִדישן מוזיקאלן טעאטער

דעם 4 יול 1977, האָט דער מיניסטאָרן־ראט פון דער רוסלענדישער סאָוועטישער פעדעראטיווער רעפובליק אָנגענומען א באשטימונג וועגן עפענען אין ביראָבידזשאן א געגנטלעכע פילהארמאָניע און א ייִדישן מוזי־קאלן קאמער־טעאטער. אין צוזאמענהאנג מיט דעם האָט דער מיניסטער פון קולטור פון רספסר יורי סעראפימאָוויטש מעלענטיעוו אופגענומען דעם גאנצן קאָלעקטיוו פונעם נײַ־געשאפענעם טעאטער.

דער מיניסטער האָט אָפגעמערקט, אז דאָס עפענען א נײַעם ייִדישן מוזיקאלן טעאטער איז א וויכטיקע דערשײַנונג אינעם קולטור־לעבן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אז פארן קאָלעקטיוו שטייען איצט פאראנטוואָרטלעכע אופגאבן — פאָרזעצן און אנט־וויקלען די בעסטע טראדיציעס פון דער ייִדישער טעאטראלער קונסט, שאפן ספעקטאקלען אף א הויכן אידייִש־קינסטלערישן ניוואָ. יו. ס. מע־לענטיעוו האָט געווונטשן דעם טעאטער שעפערישע דערפאָלגן באם שאפן זײַנע ערשטע ספעקטאקלען און אין זײַנע קומענדיקע גאסטראָלן אין בי־ראָבידזשאן, אין די שטעט פון דער רוסלענדישער פעדעראציע, ווי אויך אין אנדערע סאָוועטישע רעפובליקן.

דער פארוואלטער פונעם קולטור־אָפטייל פון כאבאראָווסקער קאנט־אויספירקאָם איוואן מיכײַלאָוויטש בריט האָט אף דער באגעגעניש דער־ציילט וועגן די צוגרייטונגען אין ביראָבידזשאן צום אופנעם פונעם נײַעם טעאטראלן קאָלעקטיוו. די קאנטישע אָרגאניזאציעס האָבן שוין באשטעטיקט דעם פראָיעקט פון דער בויונג פון א געבײַדע פארן ייִדישן מוזיקאלן קא־מער־טעאטער. אין ביראָבידזשאן איז אין פולן גאנג די בויונג פון א וווי־נונגס־הויז פאר די ארטיסטן — 100 דירעס מיט אלע באקוועמלעכקײַטן. אינעם געגנטלעכן צענטער איז געשאפן געוואָרן א פילהארמאָניע, וועלכע איז צוגעטראָטן צו אָרגאניזירן די גאסטראָל־רײַזעס פון דעם נײַעם טעאטער

איבער די שטעט פון כאבאראָווסקער קאנט און אפן ווייטן מיזרעך, ווי אויך די באדינונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט מיצאד אנדערע קינסטלערישע קאָלעקטיוון און באזונדערע ארטיסטן־אויספילער, וועלכע וועלן איינגעלאדן ווערן פון מאָסקווע, לענינגראד און אנדערע קולטור־צענטרען פונעם סאָוועטנפארבאנד.

בייסן אופנעם זיינען בייגעווען דער שעף פון דער פארוואלטונג פון מוזיקאַלע טעאַטערן באם קולטור־מיניסטעריום פון רספּסר א. א. מאקאַראָוו, זיין שטעלפארטרעטער א. פּ. אושקאריאָוו, דער גענעראל־דירעקטאָר פון „ראָסקאָנצערט" וו. ס. כאָדיקין און אנדערע אָנפירנדיקע טוער פונעם קולטור־מיניסטעריום פון רספּסר.

די ערשטע פּרעמיערע

אין ביראָבידזשאן האָט אָנגעהויבן ארבעטן דער נייער ייִדישער מוזיקאַלער קאמער־טעאטער. די אָנטיילנעמער פונעם אנסאמבל זיינען אָפּגעקליבן געוואָרן לויט א קאָנקורס. 45 שוישפילער, זינגער, מוזיקאנטן, טענצער פון מאָסקווע, לענינגראד, כארקאָוו, מינסק און פון אנדערע קולטור־צענטרען פון לאנד האָבן אויסגעהאלטן דעם קאָנקורס.

אף דער פּרעמיערע פון דער אָפּערע „א שווארץ ציימל פאר א וויסער שקאפּע" (אווטאָר — רעזשיסער יו. שערלינג) זיינען בייגעווען ארבעטער פון די ביראָבידזשאנער זאוואָדן פון דער שווערער און לייכטער אינדוסטריע און פאָרשטייער פון דער שעפערישער אינטעליגענץ.

דער שטעלפארטרעטער פונעם קולטור־מיניסטער פון דער רוסלענדישער פעדעראציע א. פליארקאָווסקי, וואָס איז בייגעווען אף דער פּרעמיערע, האָט אין זיין ארויסטרעטונג געזאָגט:

— די שאפונג פונעם נייעם נאציאָנאלן טעאטער איז אָן סאָפעק א וויכטיקע דערגרייכונג אינעם קולטור־לעבן פון אייער אווטאָנאָמער געגנט און פונעם גאנצן פילנאציאָנאלן סאָוועטישן היימלאנד.

נאָך די ארויסטרעטונגען אין ביראָבידזשאן האָט דער טעאטער גאַסטראָלירט אין די שטעט פונעם ווייטן מיזרעך און אין אנדערע ראיאָנען פונעם לאנד.

דערפּאָלג פונעם ביראָבידזשאַנער
ייִדישן פאָלקס־טעאַטער

אין כאַבאַראָווסק איז פאָרגעקומען א קאַנטישער דורכקוק פון די פאָלקס־טעאַטערן אונטערן דעוויז „די קלאַסיק און די הײַנטצײַטיקײַט אף דער זעלבסטעטיקער בינע". אינעם דורכקוק האָבן זיך באַטייליקט טעאַטראַלע קאָלעקטיוון פון כאַבאַראָווסק, ביראָבידזשאַן, קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור, סאָוועגאַוואַן, ניקאָלײַעווסק־אפן־אמור און וויאַזעמסק.

די ערע צו עפענען דעם דורכקוק, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דער געבײַדע פונעם קאַנטישן דראַמע־טעאַטער, איז געגעבן געוואָרן דעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן מוזיקאַל־דראַמאַטישן פאָלקס־טעאַטער. ער האָט באַוויזן שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער" (רעזשי — ב. שילמאַן).

פאַרן אָנהייב פונעם ספּעקטאַקל האָט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון דער קאַנטישער קולטור־פאַרוואַלטונג וו. שלאַמאַ דערציילט וועגן דעם טעאַטער־קאָלעקטיוו, וועלכער האָט פאַר די יאָרן פון זײַן עקזיסטענץ אופגעפירט א ריי פּיעסן פון דער קלאַסיק און פון די הײַנטצײַטיקע אַווטאָרן. דער ביראָבידזשאַנער פאָלקס־טעאַטער איז גוט באַוווּסט ניט נאָר אין דער געגנט און אין קאַנט, נאָר אויך אויסער זייערע גרענעצן. ער איז דרײַ מאָל לאַורעאַט פון די דורכקוקן פון פאָלקס־טעאַטערן.

דער ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער" איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. די צושויער האָבן באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן די אַרויסטרעטונגען פון די אַרטיסטן, אונטערגעטראָגן זיי בוקעטן בלומען.

די זשורי, אין באַשטאַנד פון וועלכער עס זײַנען געווען קונסט־טוער פון מאָסקווע און כאַבאַראָווסק, האָט געגעבן א פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג דעם ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער". דער טעאַטער איז באַלוינט געוואָרן מיט א דיפּלאָם פונעם אָרגקאָמיטעט פון דעם דורכקוק. מיט ספּעציעלע דיפּלאָמען זײַנען אָפּגעמערקט געוואָרן דער אַרטיסט מיכאַיִל שיין, פאַר דער בעסטער מאַנצבלשער ראָל (טעוויע) און די יונגע אויספילערן סוועטלאַנע אָרדינאַ — פאַר דער בעסטער פרויען־ראָל (ביילקע). אַלע אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאַקל האָבן באַקומען ערן־גראַמאָטעס פון דער קולטור־פאַרוואַלטונג פונעם קאַנטויספּירקאָם.

גאסטראָל־רײַזעס איבערן לאַנד

(מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל)

ניט לאַנג צוריק האָבן מיר באַקומען פון זאַפּאָראָזשיע אַן אויסשניט פון דער געגנטלעכער צײַטונג — אַן אַרטיקל, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַזעלכע ווערטער:

„אין יענעם אָוונט זײַנען אין זאַפּאָראָזשיע געגאַנגען צוויי ספּעקטאַקלען. אינעם געגנטלעכן מוזיקאַליש־דראַמאַטישן טעאַטער אױף נ. שטשאָרס נאָמען האָבן די צושויער געקוקט די אוקראַיִנישע פאָרשטעלונג „דאָס פינגערל מיט בריליאַנטן", און אױף דער בינע פונעם קאָנצערט־זאַל אױף מ. גלינקאַס נאָמען האָבן די געסט פון מאָסקווע באַוויזן דעם ספּעקטאַקל „דער פּאַרקישעפטער שנײַדער" לויט דער דערציילונג פונעם גרויסן ייִדישן שרײַבער שאָלעם־אַליכעם. מיט דער דאָזיקער פאָרשטעלונג האָט אָנגעהויבן זײַנע גאַסטראָלן אין זאַפּאָראָזשיע דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל..."

שוין א היפּשע צײַט איז דורכגעגאַנגען, זינט דער מאָסקווער קאָלעקטיוו איז געווען אין אָט דער דאָרעמדיקער אינדוסטריִעלער שטאָט, נאָר ביז איצט קומען אָן בריוו און אָפּרופן וועגן יענע גאַסטראָלן. מיר בלעטערן דעם אָפּרוף־בוך, וואָס איז איבערגעפּולט מיט דאַנק־אויסדרוקן און ווונטשן, און עס שטייען אויף פאַר אונדזערע אויגן טויזנטער צושויער פון פאַרשיידענע שטעט.

באַזונדערס אינטערעסאַנט זײַנען געווען די לעצטע גאַסטראָלן פונעם אַנסאַמבל אין לעטלאַנד. ריגע האָט אים באַגעגנט מיט א ברייטן קאַבאַלעספּאַנעם. די לעטלענדישע מעלוכע־פילהאַרמאָניע האָט זייער גוט אָרגאַניזירט די אַרבעט. אין משך פון עטלעכע טעג, בײַם דער אַנסאַמבל האָט גאַסטראָלירט אין ריגע, דאַוגאַוופּילס און רעזעקנע האָט דער אַנסאַמבל געפּילט א פּרײַנטלעכע באַציִונג מיצאַד דער דירעקציע און פון אַלע טוער פון אָט דעם בעעמעס שעפערישן אַנשטאַלט. אין ריגע האָט דער אַנסאַמבל דאָ צום ערשטן מאָל באַוויזן דעם נײַעם ספּעקטאַקל לויט מוישע גערשענזאָנס פּיעסע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער".

„הערשעלע אָסטראָפּאָליער" האָט דער קאָלעקטיוו געשטעלט אויך אין דאוגאַוופּילס און אין רעזעקנע, און עס זײַנען געווען זייער אינטערעסאַנטע באַגעגענישן, שמועסן מיט די צושויער.

אין 1978 איז דער אַנסאַמבל קימאַט די גאַנצע צײַט געווען אין וועג. די ערשטע גאַסטראָלן האָט ער געהאַט אין דער הויפּטשטאָט פון דאָנבאַס — דאָנעצק, דערנאָך האָט ער געגעבן ספּעקטאַקלען אין זאַפּאָראָזשיע, כער־סאָן, ניקאָלײַעוו, פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין מאָלדאַוויע און אַרויסגע־טראָטן אין טיראַספּאָל, בענדערי און בעלץ. דער מאַרשרוט איז געווען אַ קאָמפּליצירטער, נאָר אומעטום זײַנען בײַ אים געווען פרײדיקע באַגעגע־נישן. מיט גרויס דערפאָלג האָט ער אין מאָלדאַוויע געשטעלט דעם „פאַר־קישעפטן שנײַדער" און „הערשעלע אָסטראָפּאָליער".

דעם אַנסאַמבל איז, פאַרשטייט זיך, ניט אַלציינס פאַר וועמען צו שפּילן. מע קאָן ניט זאָגן, אַז דער „פאַרקישעפטער שנײַדער" און „הער־שעלע אָסטראָפּאָליער" זײַנען ספּעקטאַקלען, מיט וועלכע דער אַנסאַמבל האָט „אַנטדעקט אַמעריקע". אָבער זינט די דאָזיקע פאָרשטעלונגען פון דער ייִדישער טעאַטראַלער קלאַסיק זײַנען צום לעצטן מאָל באַוויזן געוואָרן אויף דער בינע, איז אַוועק שוין אַ היפּש ביסל יאָרן. טויזנטער עלטערע צושויער האָבן געזען די ספּעקטאַקלען אין מאָסקווער גאָסעט, אין קיִעווער, מינסקער, טשערנאָוויצער און אַנדערע ייִדישע טעאַטערן. און דאָך האָבן זיי איצט געקוקט די נײַע פאָרשטעלונגען מיט אינטערעס און פאַרגעניגן. פרײדיק איז דאָס, וואָס די מערהײַט פון די הײַנטיקע צושויער זײַנען יונגע מענטשן פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — אַרבעטער, אינזשעניערן, דאָקטוירים, וויסנשאַפטלעכע טוער, בויער. אינעם אָפּרוף־בוך געפינען זיך הונדערטער אַרויסזאָגונגען און אָפּשאַצונגען. אָט זײַנען אייניקע פון זיי:

„אין נאָמען פון אַ גרופּע יאַמפּלײַט־פּאָליאַרניקעס דריקן מיר אויס אונדזער דאַנקבאַרקײַט פאַר די פּרעכטיקע ספּעקטאַקלען, וואָס מיר האָבן גע־קוקט. זיי האָבן געמאַכט אויף אונדז אַ טיפן אײַנדרוק מיט דער טאַלאַנט־פולער שפּיל פון די אַקטיאָרן, מיט דער זאַפטיקער שפּראַך, וואָס האָט געקלונגען פון דער בינע.

ווירקלעכער מיטגליד פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט פון פססר, קאַפּיטאַן פון ווײַטע יאַם־רייזן ס. א. קאַליקאַ, אַרקטיק, בוכטע טיקסי".

„שאָלעם־אַלייכעם האָט געשריבן: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן". אַ גרויסן דאַנק אײַך, וואָס איר האָט אונדז מיטן ספּעקטאַקל צוגע־

געבן געזונט. די מישפּאָכע גרינבערג (א פּעדאגאָג, א בוכהאלטער, א שי־לערן פונעם 9־טן קלאס), שטאָט בענדערי".

„דעם ספּעקטאקל האָב איך געקוקט מיט פארגעניגן. איר האָט באוויזן א שטיק פונעם אמאָליקן לעבן, און גלײַכגילטיק צו דער שפּיל איז קײנער ניט געבליבן... איסער קופּערמאן, 6־מאָליקער וועלט־טשעמפּיאָן פון שאש־קעס, צווישנפעלקערלעכער גראָסמייסטער, פארדינסטפולער ספּאָרט־מײַ־סטער פון פּססר, ריגע".

ריגע, כערסאָן, זאפּאָראָזשיע, דאָנעצק, טיראספּאָל און אנדערע שטעט פון לעטלאנד, אוקראַינע און מאָלדאוויע זײַנען, ווי מע זאָגט, ערטער מיט א טראדיציאָנעלן ייִדישן צושויער. פאר די לעצטע יאָרן אָבער האָט זיך שטארק געענדערט די דעמאָגראפיע, און פּראקטיש געפינט דער אנסאמבל זײַן אאודיטאָריע אין יעטווידן קאנט. דאָס האָט באשײַמפּערלעך באוויזן די גאסטראָל־רײַזע איבער די שטעט פון אוראל און סיביר. בא פולגעפּאקטע זאלן האָט דער אנסאמבל געשפּילט אין נאָוואָסיבירסק, אופא, טשעליאַ־בינסק, אָמסק, קראסנאָיארסק. אין מײַ כוידעש האָט ער זיך אומגעקערט פון א גאסטראָל־רײַזע איבער די גרעסטע שטעט פון ווײַסרוסלאנד — וויטעבסק, באָברויסק, האָמעל, פּאָלאָצק און אנד. און אומעטום — דער זעלבער דער־פאָלג, דער זעלבער הארציקער קאבאָלעס־פּאָנעם.

ווילנער ייִדישער טעאטער — 20 יאָר

אין ליטע קאָן מען אָפּט הערן דאָס וואָרט „דראוגיסטע". מע האָט אויך מיט אָט דעם וואָרט אָנגערופן דעם נײַעם פּרעכטיקן האָטעל אף דער שטי־לער, געמיטלעכער טשורליאָניס־גאס, וועלכע הייבט זיך אָן קימאט אין צענטער פונעם נײַעם ראיאָן אין דער ליטווישער הויפּטשטאָט און שפּארט זיך אָן מיט איר צווייטן עק אין א מאסיוון פּארק. „דראוגיסטע" הייסט — פרײַנטשאפט.

מיט עכטער פעלקער־פרײַנטשאפט איז דורכגעדרונגען דאָס גאנצע לעבן אין ווילנע. געפילט און געזען האָט מען דאָס אויך אין די לעצטע טעג פונעם פאָריקן יאָר, ווען די שטאָט האָט אָפּגעמערקט דעם 20־יאָריקן יובי־ליי פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאטער.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי — פֿאָלקס־טעאַטער. אינדערעמעסן איז דאָס אַ גאַנצער קאָמפּלעקס פֿון פֿאָלקס־קונסט: אַ דראַמאַטישער, אינסטרומענטאַלער און עסטראַדע־קאָלעקטיוון, אַ כאָר־ און טאַנץ־קאָלעקטיוון. וועגן דעם יאָמ־טעוו האָבן מיטגעטיילט פֿיל צענדליקער פּאַרביקע אַפֿישן, אָפּגעדרוקטע אויף ייִדיש, ליטוויש און רוסיש, וועלכע מע האָט צעהאַנגען אין די גאַסן און אויף די פּלעצער פֿון דער שטאָט.

די פֿײַערונגען זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דערהויבענעם, ברייטן שעפֿערישן באַריכט פֿון דער ייִדישער זעלבסטטעטיקער פֿאָלקס־קונסט, וועלכער האָט געדויערט פֿונעם 17 ביזן 23 דעקאַבער 1976 און האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון טויזנטער ייִדישע און ניט־ייִדי־שע צושויער.

דעם 17 דעקאַבער, אינעם ערשטן טאָג פֿון די יובֿילײ־פֿײַערונגען, האָט אין דעם פּראָפֿאַריינען־פּאַלאַץ געהערשט אַ יאָמטעוודיקע שטימונג. באַם אַרײַנגאַנג און אין דער צענטראַלער פֿאָיע האָט מען געקאָנט זען מאָנטאַזשן פֿון אַלטע און נײַע אַפֿישן, פֿאָטאָ־סטענדן מיט פּילפֿאַרביקע מאַטעריאַלן וועגן דעם רעפּערטואַר פֿון די אַנסאַמבלען, פֿאָרטרעטן פֿון די וועטעראַנען פֿונעם פֿאָלקס־טעאַטער און פֿון דער נײַ־צוגעקומענער יוגנט.

צו 7 אַזייגער אָפּדערנאַכט איז דער גרויסער צושויער־זאַל פֿונעם פּאַ־לאַץ, וואָס נעמט אין זיך אַרײַן מער פֿון 1200 מענטשן, שוין געווען פֿולגע־פּאַקט. דער קאָוועד צו עפֿענען די יובֿילײ־פֿײַערונגען איז אויסגעפֿאַלן אויף איינעם פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון די ייִדישע זעלבסטטעטיקע קאָלעקטיוון אין ווילנע, דעם פֿאָרזיצער פֿונעם קונסט־ראַט באַם פּראָפֿאַריינען־הויז, דעם פֿאַרדינסטפֿולן קולטור־טוער פֿון דער רעפּובליק יאַנקעוו וויניצקי. זײַן וואָרט איז, ווי אַלעמאָל, געווען קורץ, געפּרעסט און באַשיידן. נאָר די ציפֿערן וועגן דער צאָל שטעלונגען און קאָנצערט־פּראָגראַמעס (!450) און וועגן דער צאָל צושויער, וועלכע האָבן באַזוכט די אַרויסטרעטונגען פֿון דער דראַמאַטישער טרופּע און פֿון אַלע אַנסאַמבלען פֿונעם פֿאָלקס־טעאַ־טער (אַרום !500.000) זײַנען געווען אַזוי אײַנדרוקספֿול, אַז אין זאַל האָט זיך דורכגעטראָגן אַ שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן.

יאַנקעוו וויניצקי גיט איבער דאָס וואָרט דעם וועטעראַן פֿונעם פֿאָלקס־טעאַטער יולי קאַץ. צוריק מיט 20 יאָר איז קאַצן אויסגעפֿאַלן דאָס גליק צו באַגריסן די ווילנער צושויער מיטן ערשטן קאָנצערט פֿון די ייִדישע קינ־

סטלערישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון — דעמלט נאָך אין א ניט גרויסן ארבעטער־קלוב פון דער ליטווישער הויפּטשטאָט.

— פון יענער ערשטער ארויסטרעטונג ביזן הײַנטיקן שעפערישן באַ־ריכט פון א קאָלעקטיוו פון העכער הונדערט אָנטיילנעמער איז פאָלג מיך א גאנג! — זאָגט ער.

ער דערציילט וועגן דעם, וויאזוי די קאָלעקטיוון זײַנען געוואקסן סײַ אין צאָל, סײַ שעפעריש, און איצט פארנעמען זיי א בעקאָוועדיק אָרט אין דער צעצווײַגטער סיסטעם פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט פון די פּראָפאריינען. דאָ אין דעם פּאלאץ איז דעם יידישן דראמאטישן קאָלעקטיוו צוגעייגנט געוואָרן דער ערן־טיטל פאָלקס־טעאטער. די אנסאמבלען פון די סאמע פארשיידנסטע עסטראדע־זשאנרען פארנעמען קעסיידער א בעַ־קאָוועדיק אָרט אף קאָנקורסן און פעסטיוואלן.

עס צעעפנט זיך דער מאסיווער פאָרהאנג, און הינטער אים באווײַזט זיך נאָך איינער א פּילפארביקער. ער איז דעקאָרירט מיט אפישן און נעמען פון ספעקטאקלען, וועלכע זײַנען געשטעלט געוואָרן פאר צוואנציק יאָר.

בא דער ראמפּע האָט זיך ארויסגעשטעלט די יוגנט פונעם פאָלקס־טעאטער, וועלכע איז ערשט מיט א פּאָר יאָר צוריק געקומען אין דער יידישער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט. די יונגע ארטיסטן גייען אראָפּ פון דער בינע, און, באגריסנדיק די צושויער, סקאנדירן זיי א מעלאָדעקלאַ־מאציע „מיר זײַנען אלט 20 יאָר".

איןביידע אָפּטיילונגען פונעם יובילײ־קאָנצערט באטייליקן זיך אלע קאָלעקטיוון. דער אָרקעסטער פון פאָלקס־אינסטרומענטן (אָנפירער יו. קאַץ) פּילט אויס וואריאציעס אף פאָלקס־מעלאָדיעס (קאָמפּאָזיטאָר קאַפּ־לאן). אין דער סצענע פונעם ספעקטאקל „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי" (רעזשי יו. קאַץ) זײַנען פארטראָטן די ארטיסטן צ. פּראנק, מ. קאנאָוויטש, ט. גאָרעליק, נ. לעווינא. דאס כאָרעאָגראפישע בילד „א קליינשטעטלדיקע כאסענע" האָט געשטעלט דער כאָרעאָגראף ניקאָלײַ מארגאָלין. דער דאָזי־קער טאנץ איז, אגעוו, ניט לאנג צוריק באוויזן געוואָרן אין דער רעפּובלי־קאנישער טעלעוויזיע.

צום סאָף פון דער צווייטער אָפּטיילונג שטעלן זיך אויס אף דער בינע אלע אָנטיילנעמער. איצט נעמען זיי אוף באגריסונגען און ווינטשעוואניעס:

— אין נאָמען פון דער אָנפירונג פונעם פּראָפאריינען־פּאלאץ...

— אין נאָמען פונעם קולטור־אָפּטייל פון שטאָט־סאָוועט...
— אין נאָמען פון דער ווילנער טעאַטראַלער געזעלשאַפטלעכקײַט...
— אין נאָמען פון די קאָלעקטיוון פון דער ליטווישער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט...
— אין נאָמען פונעם קאָלעקטיוו פון דער פּוילישער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט.
— אין נאָמען פון דעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטראַלן אַנסאַמבל...

די מיטגלידער פונעם פאָלקס־טעאַטער באַקומען ערן־גראַמאָטעס און אַנדערע אויסצייכענונגען.

דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" גיט איבער אַ באַגריסונגס־אַדרעס פון רעדאַקציע.

די פײַערונגען דויערן. ווידער פאַרנעמט זײַן אָרט דער גרויסער אָרקעסטער פון פאָלקס־אינסטרומענטן. אויף דער בינע — אַלע אָנטיילנעמער פון די קאָלעקטיוון פון דער ווילנער ייִדישער זעלבסטעטיקײַט. זיי פּילן אויס די יובילײַ־ליד „צוואַנציק יאָר" און דער גאַנצער זאַל כאַפּט אונטער די מעלאָדיע. ווילנע זינגט. ווילנע טאַנצט. ווילנע פײַערט...

ווילנער ייִדישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון — זיגער פונעם אַלשטאַטישן קאָנקורס

אין דער הויפּטשטאָט פון דער ליטווישער רעפּובליק איז פאָרגעקומען אַן אַלשטאַטישער עסטראַדע־קאָנקורס, אין וועלכן עס זײַנען געווען פאָרגעשטעלט אַלע זשאַנרען פון דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט. אַ גרויסן דערפאָלג האָבן אין די פאַרמעסטונגען זיך דערשלאָגן צוויי קאָלעקטיוון פון דעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער — די טאַנץ־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון ראַיסע סווישטשאָווא, וועלכע האָט באַזונדערס אויסגענומען מיט די פאָלקס־טענץ „אַ שנײַדערל" און „אַ שטעטלשער קאַדריל" (שטעלונג פון נ. מאַרגאָלין) און דער עסטראַדע־אַנסאַמבל בעראָש מיט וולאַדימיר גלושקאָוון.

די זשורי האָט ביידע קאָלעקטיוון צוגעמישפּעט דאָס ערשטע אָרט לויט די זשאַנרען. דער אינסטרומענטאַלער אָרקעסטער אונטער דער אָנפי־

רונג פון יולי קאַץ האָט אין זײַן גרופּע פאַרנומען דאָס דריטע אָרט.

נאָכן קאָנקורס איז אין שטאָטישן ספּאָרט־פּאַלאַץ זשאַלגיריס, וועלכער נעמט אין זיך אַרײַן העכער פינף טויזנט צושויער, פאָרגעקומען אַ גרויסער סאַכאַקל־קאָנצערט, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון פון ווילנע.

דער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו פון דעם ווילנער פאָלקס־טעאַטער האָט אינעם רעפּובליקאַנישן קולטור־פּאַלאַץ פון די פּראָפּאַריינען צוויי מאָל באַוויזן די פּרעמיערע פון שמואל פּערסאָווס פּיעסע „וועגן־אומוועגן". די נײַע אַרבעט פונעם טעאַטער האָט אַרויסגערופן אַ ברייטן אָפּקלאַנג בײַ די ווילנער צושויער און פּאָזיטיווע רעצענזיעס אין דער אָרטיקער פּרעסע.

מיט אַ נײַער קאָנצערט־פּראָגראַם

אין דער ליטווישער קוראָרט־שטאָט דרוסקינינקײַ איז לעצטנס אַרויסגעטראָטן מיט אַ נײַער קאָנצערט־פּראָגראַם דער קאָוונער ייִדישער זעלבסטעטיקער קאָלעקטיוו. מער פון דרײַסיק אויספילער שאַפן דאָ דעם וואָקאַלישן אַנסאַמבל און דעם דראַם־קרײַז. אין דער קאָלאָריטפולער קאָנצערט־פּראָגראַם האָבן געקלונגען לידער און טענץ, אימפּראָוויזאַציעס פון ייִדישער פאָלקס־מוזיק, פראַגמענטן פון שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער". געעפנט דעם קאָנצערט האָט דער וואָקאַלישער אַנסאַמבל, וועלכער האָט געזונגען „אַ ליד וועגן לענינען" און די פאָלקס־ליד „אַ גלעזעלע לעכאַיִם" (סאָליסט בענציִען שלאָם), ווי אַלעמאָל האָט די אָנפירערן פונעם אַנסאַמבל מאַשע האָלצבערג מיט אַ באַזונדער כיין געזונגען „אַ ליד וועגן שאָלעם" און „איך וויל טאַנצן נאָר מיט דיר".

צום ערשטן מאָל זײַנען אינעם קאָנצערט אויפגעטראָטן די סאָליסטן־וואָקאַליסטן מאַיע אַנאַליק און יויסעף צערמאַק. זיי האָבן אויסגעפילט צוזאַמען די לידער „אונטער אַ קליין ביימעלע" און „זינג מיר אַ לידעלע אין ייִדיש". בײַ די צושויער האָבן אויסגענומען די קאָלעקטיווע טענץ, וועלכע ס'האָט אָוועקגעשטעלט די אָנפירערן פון דער טאַנץ־גרופּע זאַרעצקאַיאַ.

די מוזיקאַלע באַגלייטונג פונעם קאָנצערט האָט געפירט דער דזשאַז־אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פונעם יונגן מוזיקער הירשל שלאָם.

נאָך איין גליקלעכע באגעגעניש

די אַלפאַרבאַנדישע פירמע „מעלאָדיאַ" האָט ארויסגעלאָזט א לאַנגדויערנדיקע פּלאַסטינקע, אַף וועלכער ס׳זײַנען פאַרשריבן ווערק פון ייִדישע שרײַבער אין דער אויספילונג פון דער פאַרדינסטפולער אַרטיסטקע פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטן־רעפּובליק סידי טאַל.

„געלייענט... געלאַכט און געוויינט..." — אַזוי האָט זיך אָפּגערופן מאַקסים גאָרקי אַף שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס".

מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער האָט דער פאָלקס־אַרטיסט פון סאָוועטנפאַרבאַנד לעאָניד אוטיאָסאָוו, אַ באַגײַסטערטער פון סידי טאַלס קאָנצערט, געשריבן: „מיר האָבן אויך געלאַכט און געוויינט, הערנדיק סידי טאַלס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס". וווּנדערלעך מײַסטעריש איז איר אויספילונג! באַזונדערס אויסדריקלעך קלינגט דער רעפרען „מיר איז גוט, איך בין אַ יאָסעם", וועלכער כאַזערט זיך איבער עטלעכע מאָל. ס׳קלינגט, דוכט זיך, מיט עכטן הומאָר און גלײַכצײַטיק אויך טראַגיש. עס איז צו באַוווּנדערן, וויאַזוי דער אַקטריסע גיט זיך אײַן לײַכט איבערצוגיין פון איין צושטאַנד אין אַ צווייטן — פון הומאָר צו דראַמאַטיזם".

ס׳וועט ניט זײַן איבערגעטריבן, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז סידי טאַלס קינסטלערישע פערזענלעכקײַט איז פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער עפּאָכע אינעם רומעניש ייִדישן טעאַטער אין פּעריאָד פון זײַן אופבלי.

ניט צופעליק פלעגט מען אין יענער פאַרמילכאָמע־צײַט אָנרופן דעם בוקאַרעשטער טעאַטער „סידי טאַלס קינסטלערישער טעאַטער", און ווען אַף דער אַפישע האָט זיך באַוויזן איר נאָמען, איז דער זאַל געווען פול געפּאַקט.

שוין אין אירע פריִע יוגנט־יאָרן (סידי האָט אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער, ווען זי איז קוים אַלט געוואָרן 9 יאָר) פלעגט זי ליב האָבן די ראָלן, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך די עכטקײַט פון אַ פאָלקס־כאַראַקטער, די טרויעריקע און שטרעבונגען פונעם העָרעפּאַשנעם מענטשן.

אזא איז, לעמאָשל, געווען דאָס געשטאַלט פון דעם אָרעמען ייִדישן מיידל אין דער פּיעסע „דער געלער שאָטן“. סידי טאַלס אָרעם מיידל האָט עמיגרירט אין דער „גאָלדענער אַמעריקע“ און דערפילט אף זיך די אכזאָריעסדיקע עקספּלואַטאַציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקײַט. די אַקטריסע האָט מיט רײַכע פאַרבן אופגעדעקט און איבערגעגעבן די סאָציִאַלע דראַמע פון איר געשטאַלט, די פאַרצווייפלונג און די אויסוועגלאָזע לאַגע פון א יונגער פרוי אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

שוין דעמלט, אין דער פריִער יוגנט, האָט סידי טאַל באַקומען א רעפּוטאַציע פון א שטערן פון דער ערשטער מאַדרייגע און פון א „רויטער אַקטריסע“. א פאַשיסטיש־סאַטירישער זשורנאַל פון דער באָיאַרישער רומעניע האָט אָנגעמאָלט אף זײַן טיטל־בלאַט די אַקטריסע אין דער בוקאַרעשטער פּרימאַריע מיט אַן אופשריפט: „אָט וואָס עס וועט זײַן, ווען צו דער מאַכט וועלן קומען די קאָמוניסטן“. אין דער שטאָט טימישאָאַר האָבן די פאַשיסטישע כוליגאַנעס אַרײַנגעוואָרפן א באָמבע אין צושויער־זאַל בײַם סידי טאַלס פאָרשטעלונג...

אין 1939, ווען בוקאָווינע איז געוואָרן א סאָוועטישע, פאָרט די פּאָפּולערע אַקטריסע אַריבער קיין טשערנאָוויץ און שליסט זיך אַקטיוו אײַן אין קינסטלערישן לעבן פון דער שטאָט. פול מיט שעפערישן ברען און באַגײַסטערונג אַרבעט זי אף נײַע ראָלן. איצט איבערצײַגט זי זיך, וואָס פאַר א גליק עס איז צו שאַפן צווישן מיליאָנען באַפרײַטע מענטשן.

די שעפערישע פאַרטראַכטן און שטרעבונגען האָט אָבער די מילכאָמע אומבעראַכמאָנעסדיק איבערגעריסן און צעשטערט. סידי טאַל עוואַקוִירט זיך אין טיפן הינטערלאַנד — קיין טאַשקענט. דאָ שפּילט זי ראָלן אין אַקטועלע אײַנאַקטערס אף אַנטיפאַשיסטישע טעמעס, נעמט אָנטייל אין קליינמעטראַזשנע פילמען, פון וועלכע ס׳פאַרגעדענקט זיך באַזונדערס דאָס געשטאַלט פון א יוגאָסלאַווישער פרוי (אינעם פילם „די נאַכט הינטער בעלגראַד“), וועלכע איז אַראָפּ פון זינען נאָך דעם, ווי די פאַשיסטן האָבן דערמאָרדעט איר קינד. די אַקטריסע האָט בוילעט באַוויזן דעם גרויסן אומגליק, וועלכן דער נאַציזם האָט געבראַכט די פעלקער פון אייראָפּע. יעדעס וואָרט, יעדער זשעסט אירער רופט צו נעקאָמע און קאַמף.

ס׳פאַרגעדענקט זיך אויך די ראָל פון דער קאַפּריזנער קיניגן אין אַלעקסיי טאָלסטאָיס אײַנאַקטער־פּאַמפלעט „פּיורער“. דער אווטאָר, וועלכער איז בײַגעווען אף דער פּרעמיערע, איז צוגעגאַנגען צו דער אַקטריסע

און איר געזאָגט: „איר האָט גלענצנד דורכגעלייענט דאָס געשטאַלט פון מײַן העלדין. איך בין איבערראַשט און אַנציקט פון אײַער שפּילן״...

אין די ווײַטע טאַשקענטער וואָקאַ־האָספּיטאַלן, וווּ בלוט, ווייטעק און קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע שלאַכטלײַט פלעגן שטענדיק דערמאָנען אין דעם גרויסן אומגליק, וועלכן ס׳האָט געבראַכט דער פאַשיזם אויף אונדזער ערד, פלעגט זיך אָפט הערן סידי טאַלס אומרויִק־רעגנדיקע און איראָניש־שטיפערישע שטים אין אַ ספּעציעל־צוגעגרייטער קאָנצערט־פּראָגראַם „איך בין סידי טאַל״. די מוזיק צו דער דאָזיקער פּראָגראַם האָט אָנגעשריבן דער באַוווּסטער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר ניקיטאַ באָגאָסלאָווסקי.

— איך האָב דעמלט שלעכט געקענט די רוסישע שפּראַך, — דערמאָנט זיך די אַקטריסע, — דעריבער האָב איך מערסטנטייל געטאַנצט און געזונגען. אין דער צײַט פון דער מילכאָמע האָט זיך אין דער אוזבעקישער הויפּטשטאָט געפונען דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער בעראָש מיט מיכאָעלסן. צו איינער פון די אַקטריסעס פון דעם טעאַטער, צו מײַנער אַ גוטער באַקאַנטער, איז געקומען אויף עטלעכע טעג אַ מענטש פון פראָנט. דערזעענדיק אין דער אַפּישע מײַן נאָמען, האָט ער געבעטן די פרוי, זי זאָל באַקענען אים מיט מיר. „איך האָב געהערט אײַערע לידער אין די אָקאָפּעס, אויף דער פאָדערשטער ליניע פונעם פראָנט אין אַ ראַדיאָטראַנסלירונג פאַר די שלאַכטלײַט, — האָט געזאָגט דער פראָנטאָוויק בייס אונדזער באַגעגעניש, — איר ווייסט עפּשער אַליין ניט, וויפל פאַרגעניגן איר פאַרשאַפט אונדזערע שלאַכטלײַט אויפן פראָנט״... איך האָב אים געהערט, און אַ שטילע פרייד האָט מיך באַהערשט און פאַרשיקערט...

אין די מיליטערישע טאַשקענטער האָספּיטאַלן האָט סידי טאַל, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרטיסטן אָנטיילגענומען אין מער פון טויזנט שעף־קאָנצערטן.

נאָכן זיג קערט זי זיך אום צוריק אין איר געבורטשטאָט, קיין טשערנאָוויץ, און אַרבעט אין אַ טעאַטראַליזירטן אַנסאַמבל בײַ דער טשערנאָוויצער פילהאַרמאָניע. דעם רעפּערטואַר פונעם אַנסאַמבל באַרײַכערט זי מיט סאַטירישע מאָנאָלאָגן, איינאַקטערס און פאָלקס־לידער: „אויף צולאָכעס די סאָנים״, „לאַכן איז געזונט״, „גליקלעכע באַגעגענישן״. דאָס איז ווײַט ניט קיין פול צעטל פון די קאָנצערט־פּראָגראַמען, וועלכע ס׳האָט געשאַפן די טאַלאַנטפולע אַקטריסע.

פאר סידי טאל איז ניט פרעמד קיין איין זשאנער. יעדער זשאנער גיט זיך איר אײַן, — אזוי כאראקטעריזירט איר שאפונג די קריטיק, — אָבער אין אלע זשאנרען טרעט זי ארײַן מיט איר אייגענעם, פאר איר פערזענלעך ספּעציפישן וועג.

„זיבן ביז גאָר פאַרשיידענע און אינטערעסאנטע געשטאלטן שאפט די טאלאנטפולע סידי טאל אין דער פּראָגראם „אפצולאָכעס די סאָנים", — שרײַבט אין זײַן רעצענזיע אף די מאָסקווער גאסטראָלן פונעם ייִדישן טעאטראליזירטן אנסאמבל פערעץ מארקיש, — זיבן וואונדערבארע פארבן פינקלען, ווי אין א גוט־אויסגעשלײַפטן טײַערן שטיין. און יעדער איבערגאנג באקומט זיך בא דער אקטריסע לײַכט און אומבאמערקט, אזויווי א קלאנג אין א קלאנג".

„גליקלעכע באגעגענישן" — אזוי איז געווען רעקלאמירט די אפישע פון איינער א קאָנצערט־פּראָגראם, אין וועלכער ס'האָט אָנטיילגענומען סידי טאל.

„ס'איז טאקעווירקלעך א גליקלעכע און פריידיקע באגעגעניש, — האָט טרעפלעך באמערקט לעאָניד אוטיאָסאָוו, — ווען דו באגעגנסט זיך מיט עכטער קונסט, מיט עכטער מײַסטערשאפט, דערפילסטו זיך בעעמעס גליקלעך".

און אָט איז בא אונדז ווידער א גליקלעכע באגעגעניש מיט סידי טאל. די אלפארבאנדישע פירמע „מעלאָדיא" האָט ארויסגעלאָזט א לאנגדויערנדיקע פּלאסטינקע, וועלכע באקענט אונדז מיט דער גרויסער קונסט פון דער פאָרדינסטפולער ארטיסטקע פון דער אוקראַאינישער סאָוועטישער רעפּובליק.

די פּלאסטינקע שטעלט מיט זיך פאָר, אזוי צו זאָגן, „אויסדערוויילטס" פון אונדזער טשערנאָוויצער ארטיסטקע. עס זײַנען פארשריבן די קינסטלערישע ווערק, וועלכע סידי טאל האלט פאר דאָס בעסטע פון איר רעפּערטואר. אין אן אויסטערלישער אויספילונג קאָנט איר הערן אויסצוגן פון שאָלעם־אלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאזנס", שטיינבארגס „ליאלקע", ווי אויך א. נוגערס באלאדע „דער מוטערס הארץ", א. רובינשטיינס „ראָזינקע" (מוזיק פונעם טשערנאָוויצער קאָמפּאָזיטאָר ל. זאטולאָווסקי) און צוויי ייִדישע פאָלקס־לידער — „שפּילט, קלעזמאָרים" און „א פריילעכס").

אירע קינסטלערישע פאָרלעזונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק

ווידמעט די אַרטיסטקע דעם 120־טן געבורטסטאָג פון דעם קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער איז איר באַליבטסטער שרײַבער.

אין א שמועס נאָך סידי טאַלס קאָנצערט אין מאָסקווער סאָד „ערמי־טאַזש״ האָט סאָלאָמאָן מיכאָעלס דערקלערט זײַן מיטשמועסער, אַז סידי טאַלס שטים איז אומבאַדינגט נייטיק צו פאַרשרײַבן אַף א פּלאַסטינקע, אַף צוויי פּלאַסטינקעס, אַף צען... מע וועט זיי שענקען אונדזערע מיטצײַטלער, און דאָס פאַרשריבענע וועט פאַרהיט ווערן פאַר די קומענדיקע דורות ווי א מוסטער פון דער שפּראַך, אַף וועלכער עס האָט גערעדט די עטנאָגראַ־פישע סוויווע פון דער אַקטריסע.

„...איך האָב זיך דערמאָנט אין אָט די ווערטער פונעם פאָלקס־אַרטיסט פון פּסטר סאָלאָמאָן מיכאָעלס, — שרײַבט אַרן ווערגעליס, — ווען איך האָב געהערט אין דער סטודיע פון דער פירמע „מעלאָדיִא״ סידי טאַלס פּלאַסטינ־קע. איצט איז סידי טאַל — צום באַדויערן — ניט אַזוי יונג, ווי דאַן אפן קאָנצערט אינעם מאָסקווער ערמיטאַזש, נאָר די שטים אירע האָט וווּנדער־לעך פאַרהיט איר קוואַל־פרישקײַט. ס'איז געבליבן דאָס פּײַערל, דער קאָ־לאָסאַלער כיין און אַרטיסטיזם, די אויסדרוק־מיטלען, די וואָרצלען, וועלכע ציִען זיך פון דער קינדערשער אומיטלבאַרקײַט, ציכטיקײַט און אופריכטי־קײַט. און אויב נאָך צוגעבן צו דעם די פּרוכטבאַרע דערפאַרונג פון סצע־נישער טעטיקײַט, וועלכע די אַקטריסע האָט דעראָבערט פאַר די פאַרגאַנ־גענע צענדליקער יאָרן, די פיליגראַן־אויסגעטאָקטע סצענישע מיטלען, אויסגעצייכנטע דיקציע, טיף מיינענדיקע פונקציאָנעלע סצענישע פּויזעס, די אײַנגעהאַלטנקײַט אין דערטראָגן דאָס טראַגישע און קאָמישע, קאָן מען פון פולן האַרצן באַגריסן די שעצער פון עכטער קונסט, וועלכע וועלן באַ־קומען די מעגלעכקײַט הערן סידי טאַל. מע קאָן אויך אויסדריקן באַפרידי־קונג מיט דעם, וואָס פאַר די קומענדיקע דורעס וועט פאַרבלײַבן די פּלאַ־סטינקע ווי א מוסטער פונעם ייִדיש, וועלכן עס האָט גערעדט די מערקוויר־דיקע אַקטריסע.

ווען אַף דער בינע באַווײַזט זיך סידי טאַל, ווערט אַבסאָליוט פאַרלאָרן דער געפיל פון סצענישער באַדינגלעכקײַט. ס'דוכט זיך אויס, אַז מיר זיצן ניט אין זאַל, נאָר מיר טראָגן זיך אַריבער אין דער סאַמע טיף פונעם לעבן״...

איצט ארבעט די פאַרדינסטפֿולע אַרטיסטקע פֿון אוססר סידי טאַל אויף אַ נײַער קאָנצערט־פּראָגראַם, וועלכע זי ווידמעט דעם 40־טן יאָרטאָג פֿון דער פֿאַרייניקונג פֿון בוקאָווינע מיט דער מוטער־ערד פֿונעם סאָוועטישן היימלאַנד. מיר זײַנען זיכער, אַז דאָס וועט זײַן נאָך איין גליקלעכע באַגעגעניש מיט אונדזער באַליבטער אַקטריסע, אַזוי ווי די אַלע פֿריִערדיקע.

„...דאָס איז ניט נאָר נאַציאָנאַלער קאָלאָריט און אייגנאַרטיקייט, ניט נאָר וווּנדערלעכע סצעניִשע אויסדריקלעכקייט, וועלכע די אַרטיסטקע דערפֿירט ביז ווירטואָזקייט, — האָט געשריבן וועגן סידי טאַלס שאַפֿונג פּערעץ מאַרקיש, — נאָר פֿריִער פֿאַר אַלץ איז דאָס די נעשאָמע פֿונעם באַפֿרײַטן פֿאָלק. סידי טאַלס ליד פֿאַרכאַפּט אויך דערפֿאַר, ווײַל אין איר דערפֿילט מען עפּעס אַזוינס, וואָס איז פֿאַרבאָרגן אין יעדערן פֿון אונדז. איר דערפֿילט אײַער אייגענעם גורל, כאָטש רעדן רעדט איר אויף אַן אַנדער שפּראַך און פֿאַרשטייט ניט אויף יִידיש״...

די ליד דריקט אויס דעם ליכטיקן גורל פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק.

וו. קראַסנאָדעמסקי

דער מײַסטער פֿון קינסטלערישן וואָרט
סאָפֿיע סײַטאַן

סאָפֿיע סײַטאַן האָט אַ שעם בײַ די ליבהאָבער פֿון פּאָעזיע. אירע אַרויסטרעטונגען זײַנען זייער פּאָפּולער.

זי לייענט לידער אויף פּערציק שפּראַכן. איבעראַשנדיק איז איר פֿײַקייט צו פֿאַרשטיין דעם כאַראַקטער און די אייגנאַרטיקייט פֿון דער דיכטונג, וועלכע עס שאַפֿן פֿאַרשיידענע פֿעלקער. אַלץ, וואָס זי לייענט, איז פֿול מיט קישעף, מיט דער אייגנטימלעכקייט, וועלכע באַצויבערט און לאָזט ניט זײַן גלײַכגילטיק. סאָפֿיע סײַטאַן איז דורכגעגאַנגען אַ דויערנדיקן שוישפּילערישן וועג, ביז זי איז געקומען צו אירע איצטיקע פּראָגראַמען. זי האָט זיך געלערנט בײַ ניקאָלײַ כמעליאָוו אין זײַן סטודיע, דערנאָך פֿאַרענדיקט אין 1952 דעם מעלוכישן אינסטיטוט פֿון טעאַטראַלער קונסט.

בײַ דער מילכאָמע איז סאָפֿיע סײַטאַן אַן אָנטיילנעמערן פֿון אַקטיאָרישע פֿראָנט־בריגאַדעס. זי טרעט אַרויס אין דעם בלאָקירטן לענינגראַד, אויף דער לעגענדאַרער „מאַלאַיאַ זעמליאַ״ הינטער נאָוואָראָסיִסק. צום סאָף

פונעם קריג טרעט זי ארויס אין יוגאָסלאַוויע אַף דער סערבישער שפּראַך מיט בראַנקאָ טשאָפּיטשס „ליד פון די טויטע פּראָלעטאַריער". צי ניט דערמאַנט איז בא איר אופגעקומען דער געדאַנק צו לייענען פון דער בינע לידער אין די שפּראַכן, אַף וועלכע זיי זײַנען פאַרפאַסט?

סאָפיע סײַטאַן איז א לאַורעאַט פונעם אַלרוסלענדישן קאָנקורס פון פאָרלעזער, געווידמעט וו. אי. לעניִנס הונדערטסטן געבורטסטאָג, פונעם קאָנקורס „פאַר שאָלעם און פרײַנטשאַפט צווישן פעלקער", זי האָט באַקו־מען א דיפּלאָם אַפן פוילישן פעסטיוואַל פון דראַמאַטורגיע.

און אָט איז איר פּלאַט מיט לידער פון ייִדישע סאָוועטישע דיכטער. די פאָרלעזערן האָט געמאַכט א גלענצנדיקן אויסוואַל. די קליינע אַנטאָלאָ־גיע וועט ברענגען עכטן פאַרגעניגן סײַ די, וועלכע ווייסן גוט די ניואַנסן פונעם לאָשן, סײַ די, וואָס פאַרשטייען ניט ייִדיש, — זיי וועלן דערפילן די מוזיקאַלישקײַט פון די לידער.

דער פּלאַט הייבט זיך אָן מיט שמואל האַלקינס ליד „דאָס גלאָז":

דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורך דעם די גאַנצע וועלט:
ווער עס וויינט און ווער עס קוועלט.
נאָר ווי דו האָסט איין זײַט פאַרשטעלט
מיט זילבער־פאַרב, וואָס האָט די ווערט
א גראָשן געלט צי עטוואָס מער, —
פאַרשווינדט פון אויג די גאַנצע ערד,
פון ריינעם גלאָז א שפּיגל ווערט.
און ווי דער שפּיגל זאָל זײַן ריין, —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אַליין.

און באַנאַנד — מוישע טייפס „קיכעלעך און זעמעלעך", וועלכע דער־וועקן אומרויִקע, שרעקלעכע דערינערונגען וועגן דער מילכאָמע־צײַט.

פיל לידער זײַנען דורכגעדרונגען מיט הומאָר. אזא איז איציק פעפערס באַלאַדע „א כאַסענע אין בירָאָבידזשאַן".

באַזונדער שטייט אַרן ווערגעליסעס „טרעבלינקע" — א טראַגישער דענקמאָל די, וועמען די פאַשיסטן האָבן אומגעבראַכט אין די דושעגובקעס, אַף די טליִעס, אין די גריבער. דעם דיכטער איז געלונגען אָפּצוזוכן אומ־פאַרגעסלעכע ווערטער, און די אַקטריסע ברענגט זיי ארויס מיט א באַזונ־דערער קראַפט.

די ליבע־לידער, וועלכע עס לייענט סאָפיע סײַטאַן, באַהערשן דעם צוהערער מיט דער אופריכטיקייט און איידלקייט פון די געפילן. דער ציקל הייבט זיך אָן מיט שמואל האַלקינס „מע זאָגט: דאָס איז אַ זינד". ווײַטער קומען ריווע באַליאַסנעס און שיפּרע כאַלאַדענקאָס לידער און לעסאָף — דאָוויד האָפשטיינס:

כ'האָב דערזען זי אין נאַקעטער פרייד פון איר לײַב,
אין צעפלאָסענער קרוין פון די דופּטיקע האָר,
כ'האָב דערהערט פון די טיפן פון אוריונגע יאָר:
— אָט אָ־די רופט מען ווײַב!

און ווידער — מוישע טייף. עס פאַרכאַפּט אײַך שײַקע פּײַפערס שטראַלנדיקער, בײַסנדיקער הומאָר, וועלכער דערמאָנט מיט עפּעס אין די פאָלקס־מײַסעס וועגן נאַסרעדינען. און דערנעבן — די אופרודערנדיקע קראַפט פון „גיטקע טײַבעלעס זאַוולעק":

אף גיטקע טײַבעלעס זאַוולעק
טיר און טויער אָפן...
פּײַקל איך אין פּײַקעלע און וועק:
היי, שטייט אוף, גענוג צו שלאָפן!
היי, כאַכמאַטשעס,
ווערטל־זאָגער,
ספּאָרים־שלינגער,
טשאָלנט־פרעסער —
קומט, די וועלט וויל זען אָט יענע...

די פּראָגראַם שליסט דאָוויד האָפשטיינס וווּנדערלעכע ליד „ווי טרויע־ריק־זיס איז אַ מענטש צו זײַן".

סאָפיע סײַטאַנס פּלאַט רופט אַרויס באַם צוהערער איידעלע געפילן, זי פילט אָן זײַן נעשאָמע מיטן צויבער פון עכטער פּאָעזיע.

ג ר י ג אָ ר י ר אָ ש א ל
פאָלקס־אַרטיסט פון פסטר, לאורעאַט פון
מעלוכע־פּרעמיעס

די נײַע ייִדישע זינגליד

די רובריק פאַר די זינגלידער אין „סאָוועטיש היימלאַנד" הייסט, ווי באַוווסט, „לאָמיר זינגען נײַע לידער", און אַזאַ נאָמען איז געוויס ניט צופעליק. מיטן לייגן דעם טראָפּ אויפן וואָרט „נײַע לידער" האָט דער זשורנאַל, ווי סע זעט אויס, אין זינען געהאַט אָנצוצייכענען אַ געוויסע שעפערישע ריכטונג, אַן אָריִענטאַציע פאַר דער הײַנטצײַטיקער, סאָוועטישער ייִדישער זינגליד. „נײַע ליד" מיינט ניט בלויז אַ פרישע, אַ נאָרוואָס אָנגעשריבענע, עס מיינט, פאַר אַלעמען, אַ ליד פון אַ נײַעם שטייגער, אַ ליד מיט נײַעם אינהאַלט און קינסטלערישער אויפפאַסונג, מיט נײַע אויסדרוק־מיטלען און עמאָציאָנעלער ווירקונגס־קראַפט, נײַ — לויט דער אידייִשער און עסטעטיש־דערציִערישער ראָל. מיט איין וואָרט — אין דער נײַער ליד דאַרף פולסירן, באַגלײַך מיטן ריין־מוזיקאַלישן ריטם, אויך דער ריטם פון דער צײַט.

די דאָזיקע פּראָגראַם, דער דאָזיקער צוגאַנג, ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, איז נאָענט די שעפער פון אונדזער זינגליד און איז טאַקע געקומען צום אויסדרוק אין אַ גאַנצער ריי וואָקאַלע ווערק, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיי געבראַכט פאַר דער עפנטלעכקײַט.

דער פּרינציפּ אָפּצוהיטן, פאָרצוזעצן און ווײַטער אַנטוויקלען די טראַדיציע פון דער פאָלקס־ליד, דאָס הייסט אָפּשפּיגלען אין דער נײַער ליד די הײַנטצײַטיקײַט מיט אַלע אירע ניואַנסירונגען, — דאָס האָט געזאָלט זײַן דאָס נײַע, מיט וואָס די פּראָפעסיאָנעלע ליד האָט געדאַרפט קומען הײַנט. אויך אונדזער נאַציאָנאַלער מעלאָס איז זיך ניט באַגאַנגען אָן אַן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. עס זײַנען צוגעקומען נײַע אינטאָנאַציעס און אַנדערע מוזיקאַלישע עלעמענטן — אײַנפלוסן פון דער ארומיקער רעאַלער ווירקלעכקײַט.

מע דאַרף דאָ אונטערשטרײַכן די אָרגאַניזירנדיקע ראָל פון „סאָוועטיש היימלאַנד". מיט סיסטעמאַטיש דרוקן זינגלידער, מיט גרופּירן ארום זיך אַ צאָל ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן, מיט דערמעגלעכן אַ מער ענגערן קאָנטאַקט צווישן די קאָמפּאָזיטאָרן און דיכטער אין די ראַמען פונעם זשורנאַל האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" ניט נאָר סטימולירט צו שעפערישער אַקטיווקײַט, נאָר אויך באַווירקט אויפצוהייבן די זינגליד צו אַ העכערער מאַדרייגע. אין

רעזולטאַט זײַנען אויפֿגעקומען שאַפֿונגען, אַ גוטער טייל פֿון װעלכע עס האָבן פֿאַרנומען אַן אָרט אין קאָנצערט־פּראָגראַמען, און זיי קאָנען מיט רעכט פֿאַרנעמען אויך אַ געהעריקן פּלאַץ אין אונדזער קולטור־פֿאָנד, שאַפֿונגען, װאָס באַ גינסטיקע באַדינגונגען װעלן זיי אַף לאַנג בלײַבן לעבן ניט נאָר אין נאָטן־צייכנס, נאָר אין לעבעדיקע קלאַנגען.

ס׳איז גענוג נאָר אַ בלעטער טאָן דעם זשורנאַל, מע זאָל דערזען, אַז די לידער כאַפּן אַרום אַ ברייטן געזעלשאַפֿטלעכן דיאַפּאַזאָן. מיר באַגעגענען דאָ שטייגערישע און לירישע מאָטיװן, לידער װעגן דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, װעגן היטלער־כורבן און נאַציאָנאַלער גװורע, װעגן בויונג און קאַמף פֿאַר שאָלעם. אויך אין דער פֿאָרם און טעכנאָלאָגיע, אין דער מוזיקאַלישער שפּראַך און פֿאַקטורע זײַנען זיי פֿאַרשיידן, אָבער אין קימאַט אַלע איז פֿאַראַן די בוילעטע שטרעבונג צו באַפֿרײַען די נײַע ליד פֿונעם אָנגעװאַקסענעם באַלאַסט, װעלכן אין משך פֿון צײַטן האָט אַף דער ייִדישער געזאַנג־ליד אַרופֿגעלייגט דער שונד־טעאַטער, אָפּצורייניקן די פֿאַרמיסטיקונג פֿון לאַקריץ־זיסע, סענטימענטאַל־קיצלדיקע „שליאַגערן‟, אויסרײַסן דאָס דאָזיקע װילדגראָז — דאָס איז אויך איינע פֿון די װיכטיקסטע אויפֿטועון פֿון אונדזערע קאָמפּאָזיטאָרן. מיט דעם האָבן זיי די ייִדישע סאָװעטישע זינגליד צוגעפֿירט צו די בעסערע מוסטערן פֿון דער ערנסטער קאָנצערט־ליד.

מע דאַרף זאָגן, אַז די קאָמפּאָזיטאָרן, סײַ פֿונעם עלטערן דאָר, סײַ די מער ייִנגערע האָבן מיט היסלײַװעס זיך איבערגעגעבן דעם פּראָצעס פֿון װידערופֿבוי פֿון אונדזער ליד. אַן אומדערמידלעכע טעטיקײַט האָבן אַרויסגעװיזן אַזעלכע קאָמפּאָזיטאָרן, װי ל. פּולװער, ל. יאַמפּאָלסקי, ז. קאָמפּאַנייעץ, אָטיליע ליכטענשטיין, ל. בירנאָװ, ש. סענדערײ, ר. באָיאַרסקאַיאַ. אַ סאַך פֿון זייערע לידער, די פֿאַרעפֿנטלעכטע אין „סאָװעטיש היימלאַנד‟, האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ װעג צום ברייטן עולעם און זײַנען געװאָרן פּאָפּולער ניט נאָר באַ אונדז אין לאַנד. מיר װעלן דאָ זיך באַנוגענען מיט דערמאָנען נאָר עטלעכע פֿון זיי: ל. פּולװערס „אַ נײַע װיג־ליד‟, ל. יאַמפּאָלסקיס „כאַנוקאַס האַבאַיס‟, „דער בוים‟, „שיר־האַשירים‟, „נעמט אװעק די קינדער‟, „שטיי אויף, מײַן שטעטעלע‟, „ייִדישע טעכטער‟, ז. קאָמפּאַנייעצס „ייִדישער װאַלס‟, „זאָג ניט קאַדיש נאָך מײַן שטעטל‟, ל. בירנאָװס „שפּיל, סאָלאָװייטשיקל‟, „שװאַרצע אויגן‟, אָטיליע ליכטענשטיינס „די טענצערן פֿון געטאָ‟.

באזונדערס האָבן די לידער וועגן היטלער־כורבן טיף דערשיטערט די הערצער פון די צושויער. אין די דאָזיקע לידער הערט זיך ניט סתּם א באוויינען, ניט סתּם א פארגיסן „טײַכן טרערן" אפן איבערגעלעבטן פאָלקס־אומגליק, נאָר דער אויסגוס פון ווײ און צאָרן, פון גוואלדיקן פראָטעסט, די הייליקע שבֿועה: „קיינמאָל ניט צו פארגעסן, אייביק דערמאָנען, וואָרענען, זײַן אף דער וואך"!

יעדער קאָמפּאָזיטאָר האָט אף זײַן אייגענעם אויפן, מיט זײַן טאלאנט און שעפערישע אייגנשאפטן געוווּנען דעם צושויערס אנערקענונג און ליבשאפט. ל. פולווער, ל. יאמפּאָלסקי, ר. באָיארסקאיא — מיט מעלאָדישקײַט און לירישער ווייכקײַט; אף זייער שאפונג ליגט דער כויסעם פון פאָלקס־טימלעכער פאשטעס. און דאָס איז בא זיי דערגרייכט מיט קארגע און שפּאָרזאמע מיטלען, אָן יעדן סימען פון אויסערלעכן עפעקט, פון הײַנטמאָדישע איבערגעפעפערטע כיינדלעך. אייניקע לידער פון די דאָזיקע אווטאָרן ווערן אפילע צומאָל פארעכנט פאר פאָלקס־לידער (אָנהייבנדיק פון יאמפּאָלסקיס „רומטשי"), בא יאמפּאָלסקין זײַנען אָפּט ארײַנגעפירט וואָקאליזן („די ליד פון א שנײַדער", „א ניגנדל" און אנד.), וועלכע דערנעענטערן די ליד צום סטיל פון עכטן פאָלקס־געזאנג.

פאר די שאפונגען פון די אנדערע קאָמפּאָזיטאָרן (אָטיליע ליכטענשטיין, ז. קאָמפּאנייעץ, ל. בירנאָוו, ש. סענדעריי) איז כאראקטעריסטיש הויכער פּראָפעסיאָנאליזם, אייגנארטיקע מעלאָדיק, פארביקע הארמאָנישע באגלייטונג, קינסטלערישער טעמפּעראמענט, ווי אויך טיפער פארשטאנד און אָפּשײַ פאר דעם ליטערארישן טעקסט.

א גאָר נײַע און אינטערעסאנטע דערשײַנונג זײַנען די לידער אין „סאָוועטיש היימלאנד" פונעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר ס. טשעבאָטאריאָוו. דאָס איז א גאנצער ציקל, וואָס פארדינט א באזונדערע אופמערקזאמקײַט. דעם דיכטערס פּאָעטישע וויזיע, די עקספּראָמטע דערפינדערישקײַט זײַנע, די פייִקײַט איבערצוגעבן טיפע עמאָציעס און וויכטיקע באָבאכטונגען מיט, אפן ערשטן בליק, פּאָשעטע אויסדרוקן, אין ניט געוויינלעכע ריטמען — באגעגענען טרעפלעכע אינטערפּרעטאציע. פארשטייט זיך, אז דער דורכשניטלעכער קאָנצערט־באזוכער, דער מוזיקאליש ווייניק־געשולטער, איז נאָך ניט געווינט צו אזא קאָנצעפּציע, צום גאנצן ארסענאל פון די מאָדערנסטע מוזיקאליש־טעכנאָלאָגישע מיטלען, וואָס טשעבאָטאריאָוו ווענדט אָן, האגאם אזעלכע פּרווון ארײַנצוברענגען קאָמפּליצירטקײַטן אין דער ייִדיי־

שער מוזיק זײַנען שוין געווען (גענוג זיך צו דערמאָנען קריינס באַארבעטונג פון ייִדישע פאָלקס־לידער אין זײַן מוזיק צו י.־ל. פּערעצעס „באַנאַכט אפן אַלטן מארק״), אָבער דאָס איז געווען אין א צײַט, ווען ס׳איז ביכלאַל אָנ־געגאַן א געיעג נאָך נײַע פאָרמען, נאָך נאָוואטאָרישקײַט. דער ציקל לידער פון סערגיי טשעבאָטאַריאָוו, וואָס איז ניט אויסגערעכנט, דאַכט זיך, אַף פּאָפּולערע עסטראַדע־קאָנצערטן, שטעלט מיט זיך פאָר, דאַרף מען קלערן, א נײַעם און גוטן פּרווו אַרײַנצופירן ייִדישע דיכטונג אויך אין גאַנץ אַנדערע מוזיקאַלישע ספערן.

די דערמאָנטע דערגרייכונגען פון אונדזער זינגליד זײַנען, פאַרשטייט זיך, אין א גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען אויך אונדזערע ייִדישע פּאָעטן. א גוטע פּאָעטישע ליד, ניט נאָר זי רעגט אָן, אינספּירירט צו שאַפן גוטע, גלײַכווערטיקע מוזיק, נאָר זי רופט אַרויס באַם קאָמפּאָזיטאָר א באַזונדער מין געפיל פון אכרײַעס. זי האַלט אים פעסט אין געווויסע ראַמען, דערלאָזט ניט צו קיין צעפלאָסנקײַט, צו קיין אַבסטראַקטקײַט. ניט זעלטן כאַפּן זיך אונדזערע קאָמפּאָזיטאָרן צו א דיכטערישער ליד טייקעף נאָך איר באַ־ווײַזן זיך אינעם זשורנאַל. עס טרעפט, אז צו איין און דעם זעלבן טעקסט שאַפן לידער פאַרשיידענע קאָמפּאָזיטאָרן.

מע קאָן באַהויפּטן, אז די ענגע צוזאַמענאַרבעט פון די קאָמפּאָזיטאָרן מיט די דיכטער אין די ראַמען פונעם זשורנאַל האָט געגעבן א היפּשע צאָל לידער, וועלכע באַזיצן איינע פון די וויכטיקסטע מײַלעס — נאַטירלעכע צוזאַמענגיסונג פון דער מוזיק מיטן טעקסט, זייער „שאָלעם־באַיִס״, זייער האַרמאָנישע גאַנצקײַט. אין דער מוזיק פון אַזעלכע זינגלידער איז געפונען געוואָרן, ווי דאָס געשעט אין א טאַלאַנטפולער איבערזעצונג פון א ליטעראַריש ווערק, דער ריכטיקער מוזיקאַלישער אַדעקוואַט פון אַלעם דעם, וואָס איז אַרײַנגעלייגט אין פּאָעטישן טעקסט.

אַגעוו, קומט אונדזערע דיכטער אויך א דאַנק פאַר די איבערזעצונגען פון די רוסישע טעקסטן צו אַלטע רעוואָליוציאָנערע און צו הײַנטצײַטיקע לידער. דאָס דרוקן אין זשורנאַל די נאָטן מיט די אין ייִדיש איבערגעזעצטע טעקסטן פון באַוווּסטע און פון אַלעמען באַליבטע לידער פאַרדינט צו ווערן אָפּגעמערקט.

מאָטל פּאָליאַנסקי

דער קאָמפּאָזיטאָר זינאָווי קאָמפּאַנייעץ

דער בײַטראָג פון זינאָווי קאָמפּאַנייעץ אינעם שאַפן די סאָוועטישע זינגליד איז גרויס און פאַרשיידנאַרטיק. אין רעפּערטואַר פון אַ סאַך כאָרן זײַנען אַרײַן זײַנע פּאַטריאָטישע לידער „אַלץ, מיט וואָס מיר זײַנען איצט שטאַרק און רײַך", „מײַן לאַנד", „אינעם פאָלק רעדט מען".

די יוגנט האָט באַזונדערס ליב באַקומען קאָמפּאַנייעצעס לידער „דער פרימאָרגן", „די געוואַגטע ליד". זײַן פריילעכע מעלאָדיע „שטעל זיך אַף דער זאַריאַדקע!" קלינגט שוין אין דער אַלפאַרבאַנדישער ראַדיאָ 25 יאָר.

זינאָווי קאָמפּאַנייעץ האָט פאַרענדיקט אין 1931 די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע, וווּ ער האָט געלערנט קאָמפּאָזיציע אין ר. גליערס קלאַס, שטודירט די מוזיקאַלע פאָרם אונטער דער אָנפירונג פון ג. קאָניוס, די געזעצן פון פּאָליפאָניע בײַ ג. ליטינסקין. זײַן ראָמאַנטישע רעגונגספולע באַלאַדע פאַר פידל האָבן אויפגעפירט ד. אויסטראַך, מ. פיכטענהאָלץ, ע. הילעלס. דער ערשטער אויספילער פון קאָמפּאַנייעצעס ראַפּסאָדיע אַף ייִדישע טעמעס איז געווען דער סימפאָנישער אָרקעסטער פון דער קיִעווער פילהאַרמאָניע אונטער דער אָנפירונג פון נאַטאַן ראַכלין.

מע קאָן אָנרופן אַ היפּשע צאָל נײַע זינגלידער, וועלכע דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געשאַפן פאַר די לעצטע פאָר יאָר אַף די טעקסטן פון סאָוועטישע דיכטער, באַזונדערס פון ייִדישע (אַ. ווערגעליס, מ. גרוביאַן, כ. ביידער אאַ.). די ליבהאָבער פונעם הײַנטצײַטיקן עסטראַדע־זשאַנער וועלן באַקומען די מעגלעכקײַט צו באַקאַנען זיך מיט דעם קאָמפּאָזיטאָרס מוזיקאַלע שאַפונגען צו אַ נײַער שטעלונג פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, ווי אויך מיט אַ לאַנגשפּילנדיקער גראַמאַפאָן־פּלאַסטינקע פון זײַנע זינגלידער אַף ייִדישע טעקסטן, פאַרשריבענע אין דער אַלפאַרבאַנדישער פירמע „מעלאָדיע".

ייִדישע מוזיק אַפן פעסטיוואַל „רוסקאַיאַ זימאַ"

די פײַערלעכע עפענונג פונעם זעכצנטן לויט דער צאָל טראַדיציאָנעלן יאָמטעוו פון קונסט אונטערן נאָמען „רוסקאַיאַ זימאַ" („דער רוסישער ווינטער") איז פאָרגעקומען אין מאָסקווער באָלשאָי טעאַטער, וווּ עס איז אין

דעם זעלבן אָוונט באַוויזן געוואָרן אַנדריי עשפּײַס באַלעט „אַנגאַראַ״. אין די פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, וועלכע זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן אין דער פעסטיוואַל־אַפּישע, האָבן זיך באַטייליקט ערשטראַנגיקע סאָליסטן פון דער אָפּערע און באַלעט. אַף די קאָנצערט־עסטראַדעס פון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט זײַנען, אויסער אַרטיסטן פון מאָסקווע, אַרויסגעטראָטן געסט פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, ווי אויך שווישפּילער פון אויסלאַנד.

אַפן פעסטיוואַל זײַנען קיין מאָסקווע געקומען צו פאָרן באַ 40 טויזנט אויסלענדישע טוריסטן פון קימאַט 50 לענדער.

איינע פון די פּראָגראַמען פון דעם אַקאַדעמישן מעלוכישן סימפאָנישן אָרקעסטער איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון ווערק פון דער ייִדישער קלאַסישער און הײַנטצײַטיקער מוזיק. דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אינעם גרויסן זאַל פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע אַפן צווייטן טאָג פון דעם פעסטיוואַל. הויפּט־דיריזשאָר פונעם סימפאָנישן אָרקעסטער איז געווען דער פאָלקס־אַרטיסט פון פססר, לאַורעאַט פון דער לענין־פּרעמיע און פון דער מעלוכע־פּרעמיע פון רספסר יעווגעני סוועטלאַנאָוו.

אין אָט דעם אָוונט האָבן אין דעם איבערגעפּולטן זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע געקלונגען אַזעלכע שעדעוורען, ווי סערגיי פּראָקאָפיעווס „אוווערטיור אַף ייִדישע טעמעס״ און דמיטרי שאָסטאַקאָוויטשעס „פון דער ייִדישער פאָלקס־פּאָעזיע״ (אַ וואָקאַלער ציקל פאַר סאָפּראַנאָ, קאָנטראַלטאָ און טענאָר מיט אַן אָרקעסטער אין דער אויספירונג פון דער פאַרדינסט־פולער אַרטיסטקע פון רספסר ראַיסאַ באָבריניאָוואַ און די פאָלקס־אַר־טיסטן פון רספסר גאַלינאַ באָריסאָוואַ און אַלעקסיי מאַסלעניקאָוו). צום ערשטן מאָל איז אין באַשטאַנד פון דעם דאָזיקן אָרקעסטער אויסגעפילט געוואָרן ערנעסט בלאָכס אימפּראָוויזאַציע „דער באַלשעם״, ווי אויך פּאַנ־טשאָ וולאַדיגעראָווס ייִדישע פּאָעמע און יעווגעני סוועטלאַנאָווס ראַפּסאָ־דיע נומ. 2.

צום שלוס פונעם קאָנצערט האָט יעווגעני סוועטלאַנאָוו געמאָלדן, אַז דער אַקאַדעמישער מעלוכישער סימפאָנישער אָרקעסטער פון פססר האָט אויך צוגעגרייט, אויסער דער פּראָגראַם, זינאָווי קאָמפּאַנייעצעס ראַפּסאָדיע אַף ייִדישע טעמעס. די ראַפּסאָדיע איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן, און דער אָרקעסטער האָט אויסגעפילט איר פינאַל אַף „ביס״.

קינסטלערישע אויספורעמונג

די מאָלעריי־קונסט אין „סאָוועטיש היימלאנד" טרעט ארויס אין צוויי מינים. ערשטנס, זײַנען דאָס עלעמענטן, וואָס פאָרמירן אויס דעם זשורנאל, זיי ווערן געמאכט לויט די באשטעלונגען פון דער רעדאקציע. מיר האָבן דאָ אין זינען דעם מאקעט פונעם נומער, די טיפּאָגראפישע מיטלען (זאץ, שריפט, קלישע, דרוק), די גראפישע מיטלען פון אויספאָרמירן (איליוסטראציעס צום טעקסט אין זשורנאל, געצייכנטע קעפלעך, וויניעטקעס, בוקוויצעס אאוו.), ווי אויך נאָטן־גראפיק, פאָטאָגראפיעס. צווייטנס, פובליקירט דער זשורנאל אלערליי קונסט־ווערק ניט לויט דער באשטעלונג פון דער רעדאקציע. דאָס איז מאָלעריי, סקולפּטור און גראפיק. די פובליקאציעס ווערן פארווירקלעכט לויטן אינטערנאציאָנאלן פּרינציפּ. עס געפינען דאָ אן אָרט די בעסערע שאפונגען פונעם פילנאציאָנאלן סאָוועטישן פאָלק. די ארבעטן זײַנען פון פארשיידענער מאניר, פון דער קלאסיק און פון הײַנטצײַטיקע מײַסטערס. ס'ווערן אויך פובליקירט ווערק פון אויסשטעלונגען און אזעלכע, וואָס געפינען זיך בא די קינסטלער אין די אטעליע.

די בײַלאגע מיט די רעפּראָדוקציעס זײַנען אין „סאָוועטיש היימלאנד" פילפארביק און פון א גוטן ניוואָ. זיי באַרײַכערן דעם לייענער, אנטוויקלען זײַן געשמאק, פארברייטערן זײַן קולטור.

דער זשורנאל פובליקירט אויך אייניקע קונסט־פאָרשערישע מאטעריאלן און אָפּהאנדלונגען וועגן דער שאפונג פון באזונדערע מײַסטערס.

דער מאקעט פונעם זשורנאל איז א קאָמפּליצירטער. צונויפקאָמפּאנירן אין יעדן נומער מאטעריאלן פון אלערליי זשאנרען — פון עצעם קינסטלערישער ליטעראטור און ליטעראטור־פאָרשונג, פובליציסטיק, אינפאָרמאציע, און דאָס זאָל זײַן וויזועל־איינהײַטלעך, זאָל צוגעבן אן אָנשוילעכע אינטאָנאציע די טעקסטן, ס'זאָל אויך בײַזײַן דער געהעריקער ריטם, — איז א שווערע און קאָמפּליצירטע אופגאבע. אין גרונט גענומען ווערט זי געלייזט געראָטן.

פאר די לעצטע יאָרן האָבן מיר פארלאָרן קאָריפייען פון דער סאָוועט־

טישער יידישער מאָלערישער קונסט (נאַטאַן אַלטמאַן, מייער אַקסעלראָד, מענדל גאָרשמאַן). פאַר די יאָרן זײַנען אַנטשטאַנען נײַע נעמען: וויקטאָר עלקאָנין, מיכאל עלצופען, איטעלאַ מאַסטבוים, אַנאַטאָלי סלעפּישעוו, יעווגעני גאָר. אייניקע פון זיי זײַנען זייער יונגע. ס'האָט זיך ביז גאָר אַנטוויקלט הערש אינגערס באַגאַבונג. לויט דער קוואַליטעט און לויט דער צאָל זײַנען אינגערס אַרבעטן אַפּעראַטיוו־זשורנאַליסטיש אין גוטן זין פון וואָרט, און זיי קלינגען איבערצײַגעוודיק.

אָנהייבנדיק פונעם 11־טן נומער פון 1973 יאָר איז אַנטשטאַנען דער הומאָר־אָפּטייל, וועלכן עס אילוסטרירט אינגער. די אילוסטראַציעס זײַנען פרײַ און גרינג געצייכנט, זיי זײַנען אַפּאַנעמעסן איראָניש, אָפּט אַפילע סאַרקאַסטיש. דורכגעדרונגען מיט האַרציקן הומאָר, קאָנען זיי בעשום־אופן ניט אָנגערופן ווערן קאַריקאַטורן. אין זיי איז ניטאָ פאַראַן די דעפאָרמאַציע פון שטריכן בײַ די פּערסאָנאַזשן. דער הומאָר איז אַן אינווייניקדיגער און אַ נאַציאָנאַלער.

די פּאָטאָ־אַרבעטן אין „סאָוועטיש היימלאַנד” האָבן זיך באַדײַטנדיק פאַרבעסערט אין די לעצטע יאָרן, און כאָטש עס טרעפן זיך נאָך שוואַכע פּאָטאָס, וועלכע זײַנען ווי אַרויסגענומען פון אַלטע פּאַפּקעס, זײַנען אָבער אויך פאַראַן דאָ אויסגעצייכנטע.

צום שלוס ווילט זיך מאַכן אייניקע פּראַקטימדיקע באַמערקונגען צו דער קריטיק און פאָרשונג אין געביט פון מאָלערײַ, וואָס איז פון שטענדיק אָן אַ סטאַבילער זשאַנער אין „סאָוועטיש היימלאַנד”.

דער לייענער פונעם זשורנאַל איז ניט קיין ספּעציאַליסט אין קונסט־פראַגן, דעריבער דאַרפן די מאַטעריאַלן פון דעם מין זײַן פאַשעט און קלאָר אָנגעשריבן. באַזונדערס זײַנען ניט דערלאָזבאַר פוסטע, שרײַענדיקע פראַזעס, פּלאַנטערנישן. אין אַלגעמיין זײַנען אין אונדזער זשורנאַל די אַרטיקלען וועגן מאָלערײַ־קונסט אָנגעשריבן פאַכמענעריש, צוגענגלעך, אין אַ זאַפטיקן יידיש. אָבער עס טרעפט אויך...

אין נומ. 10 פאַרן 1975 איז פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן ה. אינגערס שאַפונגס־וועג.

עס זײַנען ביז גאָר וויכטיק די אָפּטועו פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” אין אופקלערן פראַגן פון קונסט, אין דער עסטעטישער דערציִונג פונעם יידישן לייענער.

ג ע ר ש ן   ק ר א ו וצ אָ ו.

שלוימע גערשאָווס אויסשטעלונג

אין קונסט־מוזיי פון טביליסי איז אין די לעצטע כאדאָשים פונעם פאָריקן יאָר געווען א יאָמטעוו. פילפארביקע אפישן און קינסטלערישע פּלאַקאַטן האָבן געגעבן צו וויסן, אז אין דער גרוזינישער הויפּטשטאָט האָט זיך געעפנט א גרויסע פערסאָנעלע אויסשטעלונג פונעם לענינגראַדער ייִדישן מאָלער שלוימע גערשאָוו. אין דרײַ ראכוועסדיקע זאלן פונעם צענטראלן קונסט־מוזיי זײַנען ארויסגעשטעלט געוואָרן ארום צוויי הונדערט קינסטלערישע בילדער.

די טביליסער אויסשטעלונג איז א פארברייטערטער וואריאַנט פון דער לענינגראַדער אין 1973, נאָר דאָס מאָל איז פולער און אלזײַטיקער אָפּגעשפּיגלט דער פארשיידנארטיקער כאראקטער פון ש. גערשאָווס קינסטלערישער שאַפונג. דאָ זעט מען בילדער אף טעמעס פון הײַנטצײַטיקײַט און פון אלטערטום, אף מאָטיוון ייִדישע, רוסישע און גרוזינישע; די טביליסער אויסשטעלונג איז א פארגאנצטער סאַכאַקל פון די לעצטע צוואנציק יאָר אין דער שאַפונג פונעם קינסטלער.

דער קינסטלער האָט עטלעכע מאָל באזוכט די זוניקע קאווקאז־רעפּובליק, און ער איז געווען אנציקט פון איר שיינקײַט, פון איר נאַטור־רײַכקײַט, פון די קאָלאָריטע פארבן, מיט וועלכע יעדער טראָט איז דאָ באַשײַנט. ער האָט געשאַפן א סעריע בילדער וועגן דעם שטייגער פון גרוזיע, אירע מענטשן, איר געשיכטע — די קינסטלערישע לײַוונטן „דער גרינדער פון טביליסי", „א גרוזינישע כאַסענע", „אפן קאָלווירטישן מארק", די בילדער „א פרוי מיט ציגן", „זומער" און אנדערע. אין די אלע ווערק איז טיף געשילדערט די נאַציאָנאַלע גרוזינישע אייגנארטיקײַט.

די ייִדישע טעמאַטיק האָט פארנומען דעם אויבנאָן אף דער אויסשטעלונג. באזונדער רײַך איז די סעריע איליוסטראציעס צו שאָלעם־אלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער". אין אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע גיבן מיר א ריי מוסטערן פון דער דאָזיקער סעריע. אין די בילדער „טעוויע און כאַווע", „טעוויע געזעגנט זיך מיט זײַן פערד" און „טעוויע און זײַן הויף" איז בולעט אויסגעדריקט די אינערלעכע וועלט פונעם געשטאַלט.

אין אן ענלעכן פּלאַן איז געשאַפן די איליוסטראציע צו פּערעצעס „דער טויט פון דער קאַלע".

א בעקאָוועדיק אָרט האָבן אַף דער אויסשטעלונג פאַרנומען די וויטעבסקער פּייזאזשן און שטייגער־בילדער, די מארק שאגאַל־פּאָרטרעטן. אין דעם פאַל איז דער קינסטלער טריי זײַנע אַלטע טראַדיציעס — שילדערן רעאַל די פאַרגאַנגענהייט, דעם כאַראַקטער פון די אַמאָליקע פּערסאָנאַזשן.

אַף דער אויסשטעלונג האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פאַרשיידענע קינסטלערישע לײַוונטן אַף ייִדישע טעמעס: „אַ פריילעכער טאַנץ", „די ייִדישע כאַסענע", „קאַפּאַרעס" אאַ. עס האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער ספּעציפֿישקייט אַזעלכע בילדער, ווי „קויהאַנען דוכענען", „שאַבעס", „אַ קאַדעש נאָך זיך". אינטערעסאַנט לויט זייער דינאַמישער קאָמפּאָזיציע זײַנען די בילדער אַף די מאָטיוון פון אי. באַבעלס דערציילונגען.

אין דער ייִדישער טעמאַטיק איז קאָנטיק ש. גערשאָווס מאַניר צו שילדערן סוזשעטיש דאָס פאַרגאַנגענע, דעם אַלטן שטייגער. דאָ איז ער אַ טרייער שילער פון מארק שאַגאַלן, בײַ וועלכן ער האָט זיך אין די יונגע יאָרן געלערנט, לעבנדיק אין וויטעבסק. ניט אומזיסט פאַרנעמען שאַגאַלס פּאָרטרעטן אַ באַדײַטנדיק אָרט אין דער שאַפונג פונעם סאָוועטישן קינסטלער. אַף דער אויסשטעלונג איז געווען פאַרגעשטעלט אַ גאַנצע סעריע „מארק שאַגאַל אין וויטעבסק". ש. גערשאָוו האָט זײַן לערער אַ סאַך צו פאַרדאַנקען. די שפּאַצירן איבער וויטעבסקער גאַסן און געסלעך צוזאַמען מיט שאַגאַלן האָבן זיך אײַנגעקריצט אין זײַן זיקאָרן. דעריבער זײַנען אים אַזוי נאָענט און באַקאַנט אַלע דעטאַלן, וואָס זײַנען מיט וויטעבסק פאַרבונדן. ש. גערשאָוו געדענקט גוט, ווי גייענדיק אַמאָל איבערן וויטעבסקער מאַרק, האָט שאַגאַל געזאָגט:

— וואָס זוכט איר שיינע אָביעקטן, אינטערעסאַנטע מאָטיוון, איר נעמט בעסער ניט קיין שיינע אָביעקטן און מאַכט זיי שיין...

אַ באַדײַטנדיק אָרט האָט אַף דער אויסשטעלונג פאַרנומען די סעריע פּאָרטרעטן און קאָמפּאָזיציעס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט די גרויסע קונסט־שעפער, אַזעלכע, ווי רעמבראַנדט, מיקעלאַנדזשעלאָ. ש. גערשאָוון האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאַפן אינהאַלטפולע, פילרייִדנדיקע פּאָרטרעטן פון בעטהאָווענען, שאָפּענען, מאָצאַרטן. באַזונדער איז אויסדריקלעך דער פּאָרטרעט פון דמיטרי שאָסטאַקאָוויטשן, מיט וועלכן דער קינסטלער איז געווען באַפרײַנדעט. עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן אויך דער פּאָרטרעט פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן אַרטיסט אי. סמאָקטונאָווסקי.

די קינסטלערישע שפּראַך פון ש. גערשאָוון איז טיף אייגנאַרטיק. עס פילט זיך אין זײַן שאַפונג אַ ברייטער דיאַפּאַזאָן. אים אינטערעסירט אַלץ. זײַן שאַרף אויג באַמערקט יעדע דעטאַל פונעם לעבן, און ער איז שטענדיק גרייט אַלץ צו פאַרצייכענען אין אַלבאָם. דעריבער איז אַזוי פאַרשיידנאַרטיק זײַן טעמאַטיק. אַף דער אויסשטעלונג האָט מען געקאָנט זען ביבלישע מאָטיוון: „לאָט און זײַנע טעכטער", „שלוימע האַמעלעך און שולאַמיס", „אָדאָם און כאַווע", בילדער פון וואַרשעווער געטאָ, אַ שוידערלעך בילד פון אָשווענטשים „דער וועג צום איווון", שטאָט־פּייזאַזשן פון וואַרשע, איטאַליע, בילדער פון דער אָפּערע־סעריע און פונעם טעאַטער־לעבן („דער אונגאַרישער טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד", „דער דײַטשישער צירק אין רוסלאַנד").

די דאָזיקע פילפּלאַניקײַט פונעם קינסטלערס שאַפונג רעדט וועגן זײַן טעמפּעראַמענטפולן טאַלאַנט און וועגן גרויסע מעגלעכקײַטן.

מיט דער שאַפונג פונעם לענינגראַדער ייִדישן קינסטלער האָבן זיך שוין באַקאַנט מאָסקווע, לענינגראַד און טביליסי. אין 1965 זײַנען גערשאָווס בילדער געווען עקספּאָנירט אין לאָנדאָן, אין 1972 — אין ניו־יאָרק.

די יובילײ־אויסשטעלונג אין טביליסי האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רוי־שעם אַף די ליבהאָבער פון עכטער קונסט.

וועגן דער אויסשטעלונג איז אין קינאָ־כראָניק, דורך טעלעוויזע און ראַדיאָ געגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלע אינפאָרמאַציע פונעם טביליסער קונסט־מוזיי.

זאַלמען קאַהאַן

הערש אינגערס גראַפיק

אַ מאַסיווער קאָפּ, אַ גרויסער שטערן, אַן אָנגעשטרענגט־דורכדרינגלע־כער בליק — אַזוי מאָלט אינגער דעם פּאָרטרעט פונעם גרויסן קאָמפּאָזי־טאָר בעטהאָווען. דער קינסטלער מאָלט זײַנע פּאָרטרעטן, באַנוצנדיק זיך ברייט און דרייסט מיט זאַפטיקע שווארצע גוואַש־שטריכן. די געדיכטע טונקלקײַט פאַרפילט דעם לײַוונט, שאַפט די אַטמאָספער און גיט איבער די שטימונג. אַ שטורעם פון געפילן, אַן אויפברויז פון לײַדנשאַפטן. שווערע

וואַלקנס הענגען איבערן קאָפּ, די בלייכע לעוואָנע שלאָגט זיך קוים דורך דורך זיי...

ס'זײַנען פאַראַן טעמעס, צו וועלכע אינגער קערט זיך אום אַ סך מאָל. פיל מאָל האָט ער איליוסטרירט שאָלעם-עליכעמען. דעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור האָט פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער געגאָלטן מיט איליוסטראַציעס. צו שאָלעם-עליכעמס ווערק האָבן, ווי באַוווסט, זיך געווענדט אַזעלכע מײַסטערס, ווי אַקסעלראָד און גאָרשמאַן, אַלטמאַן און קאַפּלאַן. זיי האָבן געשאַפן אַ געוויסע טראַדיציע אין דער גראַפישער אינ־טערפּרעטאַציע פון שאָלעם-עליכעמס ווערק: דאָס אַלגעמיינע אין דער דאָזיקער טראַדיציע באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס בולטע אונטערשטרײַכן נאַציאָנאַלע ספּעציפיק פון שאָלעם-עליכעמס געשטאַלטן איז צונויפגעפאָרט מיט דער ראָמאַנטישער שילדערונג פונעם שטעטלדיקן שטייגער, מיט דעם סאַטירישן גראָטעסק און טרוימערישער ליריק.

אינגערס איליוסטראַציעס זײַנען פולשטענדיק דורכגעדרונגען מיט דער זעלבער טראַדיציע. זיי פאַרמאָגן אָבער אויך זייער אייגנס און זײַנען אין לויף פון יאָרן ניט געשטאַנען אויף איין אָרט אין זייער אַנטוויקלונג.

דעם מאָלערס אַרבעטן פאַר די לעצטע יאָרן זײַנען געוואָרן שאַרפער און גראָטעסקאַרטיק. די בעסטע פון זיי זײַנען אויסגעפילט מיט אַ פּען, די קאָנטורן זײַנען ניט קיין צוגעגלעטע, דעטאַלן זײַנען ניט קיין סאַך, נאָר יעדע מיט אַ גרויסער אָנלאָדונג. אַזוי, צום בײַשפּיל, אינעם „פּאַרקישעפטן שנײַדער", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָמפּליצירטן געשמעלץ פון שטייגערישער וואָרהאַפטיקײַט, בופאָנאַדע, איראָנישער סטיליזאַציע און דראַמאַטיזם, אַקצענטירט איצט אינגער ניט דעם שטייגער, נאָר די פאַנ־טאַסמאַגאָריע.

אינגער איז ווירקלעך אַ דינאַמישער מאָלער, וואָס באַגרענעצט זיך ניט מיט די איינמאָל אויסגעפונענע קינסטלערישע פאָרמען און גראַפישע מיט־לען. דער דיאַפּאַזאָן פון זײַן גראַפיק איז אַ ברייטער — אָנהייבנדיק פונעם ראָמאַנטיש-העלדישן פּאָרטרעט ביז דעם סאַטירישן גראָטעסק אין זײַנע איליוסטראַציעס און דעם אייגנאַרטיקן שפּילעוודיקן הומאָר, ווי, צום בײַ־שפּיל, אין דער גרויסער סעריע בילדער, געווידמעט טשאַרלי טשאַפּלינען.

הערש אינגער אַרבעט זייער פּרוכטבאַר אין דער ביכער-גראַפיק, אין דער פּעריאָדיק. אָבער אין וועלכן זשאַנער אינגער זאָל ניט אַרבעטן, פאַר־בלײַבט ער אַ ראָמאַנטיקער מיט זײַן אייגענעם קינסטלערישן קסאַוו.

יִדישע שפּראַך אין די שולן פון ביראָבידזשאַן

אין ביראָבידזשאַנער שולן איז אײַנגעפירט דער לימעד פון יִדישער שפּראַך.

מיר גיבן דאָ אַ שמועס, וועלכן די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט געהאַט מיט דעם פאָרשטייער פונעם ביראָבידזשאַנער בילדונגס־אָפּטייל ד. וו. אורינאַ.

פ ר א ג ע. ווי אַזוי איז געגאַנגען די צוגרייטונגס־אַרבעט צום אײַנפירן דעם יִדיש־לימעד אין די ביראָבידזשאַנער שולן?

ע נ ט פ ע ר. צום אַלעם ערשטן איז באַם בילדונגס־אָפּטייל געשאַפן געוואָרן אַ לערן־מעטאָדישער ראַט, בעראָש מיט דער פאַרוואַלטער פונעם געגנטלעכן בילדונגס־אָפּטייל פּ. ג. כאַנוקאָווא. אַלס מיטגלידער פונעם ראַט זײַנען באַשטימט געוואָרן די פאַוואַלטערן פונעם אָפּטייל פון וויסנשאַפט און שולן פון דעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט נ. פּ. ברידאָווא, די שטעלפאַרטרעטערן פונעם בילדונגס־אָפּטייל ז. מ. קאַשטשייעווא, די שרײַבער ב. מילער און ה. ראַבינקאָוו, דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" ב. קאָרטשמינסקי, דער לערער־וועטעראַן ב. קראַוועץ, די פאַרוואַלטערן פונעם קאַבינעט פאַר אָנפאַנג־שולן באַם געגנטלעכן אינסטיטוט פאַר פאַרפולקומען די לערער וו. אי. פאַנטשענקאָ, דער מעטאָדיסט פונעם בילדונגס־אָפּטייל ד. וו. אורינאַ, דער דירעקטאָר פון דער וואַלדהיימער מיטלשול, פאַרדינסטפולער לערער פון רספּסר א. א. פרישקאָלניק, די לערער ז. ל. בעלמאַן, ב. י. לאָזשקינאַ, ר. מ. גערשאָוויטש. דער ראַט איז געבילדעט געוואָרן אין מאַרט 1978.

פ ר א ג ע. וועלכע פראַגן האָט באַהאַנדלט אויף זײַנע זיצונגען דער ראַט?

ע נ ט פ ע ר. אויף דער ערשטער זיצונג איז גענוי אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע וועגן אײַנפירן דאָס פאַקולטאַטיווע דערלערנען די יִדישע שפּראַך, ווי אויך וועגן די לערנביכער און געהילפס־מאַטעריאַלן, וועלכע דאַרפן צוגעגרייט ווערן צום לערניאָר. אויף וויפל די לערנביכער פון יִדיש, וועלכע זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן נאָך פאַר די מילכאָמע־יאָרן, זײַנען

מערסטנטייל שוין פאַרעלטערט און מע קאָן זיך ניט באַנוצן מיט זיי, האָט מען קוידעמקאָל געדאַרפט לייזן די פּראַגע וועגן שאַפן נײַע לערנביכער, און קוידעמקאָל — אַ נײַעם אַלעפבייס. מיר האָבן באַופטראַגט צו טאָן די דאָזיקע אַרבעט ה. ראַבינקאָוון און נ. קראַוועצן, וועלכע פאַרמאָגן אַ גרויסע פּעדאַגאָגישע דערפאַרונג, און זיי האָבן אין משך פון עטלעכע כאַדאָשים געשאַפן דעם מאַנוסקריפּט פונעם אַלעפבייס. איצט איז דער מאַנוסקריפּט איבערגעגעבן געוואָרן אין אָפּטייל פון נאַציאָנאַלע שולן באַם בילדונגס־מיניסטעריום פון רספּסר און אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַף רעצענזיע.

פּ ר אַ ג ע. אַך אַלעפבייס איז, ווי באַוווּסט, בלויז דער אָנהייב פאַר דערלערנען די שפּראַך. און ווי האַלט עס מיט שאַפן לערנביכער פאַר די שילער און געהילפס־מאַטעריאַלן פאַר די לערער אַף די ווײַטערדיקע שטופעס?

ע נ ט פ ע ר. יאָ, דאָס איז זייער וויכטיק, האָבנדיק אין זינען די פּערספּעקטיוו. ערשטנס, דאַרפן די שילער אין אָנפאַנג־פּערי:אָד האָבן אַ באַוועגלעכן און איליוסטרירטן אַלעפבייס. אַ באַוועגלעכן אַלעפבייס האָבן מיר צוזוויפגעשטעלט, און ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער ביראָבידזשאַנער געגנטלעכער דרוקערײַ. וואָס איז שײַך דעם איליוסטרירטן אַלעפבייס, דאַרף דאָס זײַן אַ ווערק פון אַ פּראָפעסיאָנעלן קינסטלער אָדער גרופּע קינסטלער, און מיר האָבן זיך שוין וועגן דעם צונויפגערעדט. ס'זײַנען באַשטימט געוואָרן די קומענדיקע אויטאָרן פון לייענביכער פאַר באַזונדערע קלאַסן פון דער אָנפאַנג־שול, ווי אויך פון לערנביכער פון גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפיע, מעטאָדישע הילפס־ביכער פאַר די לערער. דער דאָזיקער וויכטיקסטער טייל פון דער אַרבעט וועט זיך פירן לויט אַ פּלאַן. עס איז אַרויסגעזאָגט אַ ווונטש, אַז צוליב דער אַרבעט מיט די שילער זאָל איבערגעדרוקט ווערן דאָס רוסיש־ייִדיש ווערטערביכל פאַר דער אָנפאַנג־שול (אויטאָר — ע. פאַלקאָוויטש) און ס'זאָל אײַנצײַטיק צונויפגעשטעלט ווערן אַ ייִדיש־רוסיש ווערטערביכל פאַר די שילער פון 2־טן — 3־טן קלאַסן. לערנביכער פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור פאַר די עלטערע קלאַסן פון דער מיטלשול זײַנען פאַרפּלאַנירט אין די ווײַטערדיקע יאָרן.

פּ ר אַ ג ע. ווי אונדז איז באַוווּסט, דערלערנט מען שוין איצט אין אייניקע ביראָבידזשאַנער שולן די ייִדישע שפּראַך. צי קאָנט איר וועגן דעם דערציילן עטוואָס גענויער?

ע נ ט פ ע ר. יאָ, עקספּערימענטאַל האָבן מיר דעם לימעד יידיש איינ־געפירט פאַקולטאַטיוו אין אייניקע שולן נאָך פאַראיאָרן. פאַר אָט דער צייט האָבן מיר אָפּגעקליבן 12 פּעדאַגאָגן, וועלכע האָבן די נייטיקע צוגרייי־טונג און דערפאַרונג — אַלע מיט פילאָלאָגישער הויכבילדונג. מיר האָבן דורכגעפירט מיט זיי אַ ספּעציעלע באַראַטונג, אויסגעקלאָרט זייער מעג־לעכקייט צו אונטעריכטן די שפּראַך, באַזאָרגט זיי מיט נייטיקע הילפס־מאַטעריאַלן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שילער פון פאַרשיידענע קלאַסן דריקן אויס אַ פאַרלאַנג צו דערלערנען יידיש. אין לויפנדיקן לערניאָר האָבן מיר איינגעפירט דעם לימעד יידיש אין דער צווייטער און דריטער מיטלשולן פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן און אין דער וואַלדהיימער שול. אין דער צווייטער ביראָבידזשאַנער שול אונטעריכט די יידישע שפּראַך די לערערן בעלאַ איסאַקאָוונאַ לאָזשקינאַ, אין דער דריטער שול — ראָזאַ מאָיסייעוונאַ גערשאָוויטש, ביידע מיט אַ היפּשן פּעדאַגאָגישן סטאַזש. אין וואַלדהיים פירט דעם לימעד דער דירעקטאָר פון דער שול איסאַק אַבראַ־מאָוויטש פרישקאָלניק. די לימודים קומען פאָר צוויי מאָל אין וואָך.

פ ר א ג ע. איר האָט, אַפּאַנעם, אויך דורכגעטראַכט דעם איניען וועגן צוגרייטן פּעדאַגאָגן אויף די ווייטערדיקע יאָרן?

ע נ ט פ ע ר. אַוודאי. קוידעמקאָל האָבן מיר געשאַפן צוויי גרופּעס בא דער ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישער שול: איינע — אין דער פאָרשול־אָפּטיילונג, די צווייטע — אין דער שול־אָפּטיילונג, צו 15 סטודענטן אין יעדער גרופּע. די לימודים פירט אַ באַהאַוונטער פּעדאַגאָג — זינאַידאַ לוואָוו־נאַ בעלמאַן. אויף דער ווייטערדיקער שטופע פּלאַנירן מיר זיך ווענדן אין כאַבאַראָווסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וועלכער וועט גרינדן אַן אָפּטיי־לונג פון צוגרייטן לערער פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור מיט אַ העכערער קוואַליפיקאַציע.

פ ר א ג ע. מיט וועלכע הילפס־מאַטעריאַלן באַנוצן זיך איצט די לערער פון יידישער שפּראַך אין די מיטלשולן און אין דער פּעדאַגאָגישער שול?

ע נ ט פ ע ר. מיר האָבן היינט אין אונדזער רעשוס אַ ריי לערנביכער, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר די יידישע שולן ערעוו דער מיל־כאָמע, צווישן זיי — פ. בורגאַנסקיס אַלעפבייס. אַ גרויסע הילף וויזן אונדז אַרויס די לעקציעס פון יידישער שפּראַך, וועלכע עס האָט געדרוקט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" — מ. שאַפּיראָס און ע. פאַלקאָוויטשעס, און איצט באַנוצן מיר זיך אויך מיט ש. סאַנדלערס לעקציעס.

צו דער געשיכטע און דעם איצטיקן מאַצעוו פון דער לענינגראַדער יידישער קעהילע

אין 1868 איז לויט דער איניציאַטיוו פון די אָנגעזעענסטע טוער פון דער פּעטערבורגער יידישער רעליגיעזער קעהילע דערלאַנגט געוואָרן דער צאַרישער רעגירונג אַ הישטאַדלעס וועגן דערלויבן אויסבויען אַ קאָרשול אין דער הויפּטשטאָט פון דער מעלוכע.

די דערלויבעניש איז באַקומען געוואָרן סאַכאַקל אין אַ יאָר אַרום, אָבער גרויס זיינען געווען די שוועריקייטן באַם רעאַליזירן דעם בויונגס־פּראָיעקט — גאַנץ טיפּיש פאַר דער צאַרישער אַטמאָספער פון אונטערדריקן און רודפן די יידישע באַפעלקערונג.

דעם 1 אַפּרעל 1870 איז געשאַפן געוואָרן די פאַרוואַלטונג פון דער פּע־טערבורגער יידישער קעהילע. זי האָט גענומען אויף זיך די אַרבעט פון בויען די סינאַגאָגע. אין 1879 איז געפונען און באַשטעטיקט געוואָרן אַן ערד־באַצירק אויפן ראָג פון דער אָפּיצערן־גאַס און דער גרויסמייסטערי־שער (איצט לערמאָנטאָוו־פּראָספּעקט, הויז 2).

מע דאַרף דאָ דערמאָנען, אַז אינעם בויען די סינאַגאָגע האָט אַרויסגע־וויזן ערנסטע הילף דער גרויסער רוסישער קונסט־קריטיקער וו. וו. סטאַסאָוו. דאָס האָט ער פאַרגעלייגט, אַז די געביידע זאָל זיין געבויט לויט פּרינציפּן פון דער מאַוריטאַנישער אַרכיטעקטור.

אין 1879 איז אָנגענומען געוואָרן דער פּראָיעקט פון לעוו איסאַקאָ־וויטש באַכמאַן און איוואַן איוואַנאָוויטש שאַפּאָשניקאָוו. ביידע האָבן זיי געענדיקט די פּעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע.

באַכמאַנס און שאַפּאָשניקאָווס ערשטן פּראָיעקט האָט ניט באַשטעטיקט דער צאַר אַלעקסאַנדער II איבער דער צו שטאַרקער מאַיעסטעטישקייט און מאָנומענטאַלקייט פון די פּראָנטאָנען. דעם פּראָיעקט האָט מען געמוזט איבערקוקן. אויף איינצושטעלן דעם טעכנישן אויפזיכט איבער דער בויונג זיינען איינגעלאַדן געוואָרן די אַקאַדעמיקער נ. ל. בענואַ און ע. אי. שיבער.

בא דער געלעגנהייט וועלן מיר דערמאָנען די מיינונג פונעם גרויסן סקולפּטאָר מ. מ. אַנטאָקאָלסקי וועגן דער בויונג פון דער סינאַגאָגע: אין אַ בריוו פון פּאַריזש צו סטאַסאָוון, דעם 6 נאָיאַבער 1870, שרייבט ער, אַז דער געביידע וואָלט לויט זיין מיינונג גיכער אַנטשפּראָכן דער אַשור־סטיל, וועלכער איז געטלעכער און פאַרמאָגט אין זיך מער פונעם ביבל־כאַראַק־טער. דער דאָזיקער סטיל וואָלט געווען ניט ווייניקער שיין. פון מ. מ. אַנ־טאָקאָלסקיס אַרויסזאָגונגען קעגן דעם מאַוריטאַנישן סטיל איז צו זען, אַז עס איז ניט ריכטיק די מיינונג, אַז ער, אַנטאָקאָלסקי, איז געווען דער אַוטאָר פון די עסקיזן פונעם אָרנקוידעש. אין די פּאַראַנענע דאָקומענטן, בריוו, מאַנוסקריפּטן פון די פאָנדן אינעם אַרכיוו פון דער מעלוכע־ביבליאָ־טעק זיינען אינערגעץ ניט געפונען געוואָרן קיינע אָנווייזונגען דערויף. מע דאַרף מיינען, אַז דעם אָרנקוידעש האָבן געמאַכט די אַוטאָרן פונעם פּראָ־יעקט פון דער גאַנצער סינאַגאָגע, די אַקאַדעמיקער באַכמאַן און שאַפּאָש־ניקאָוו.

דער ביניען פון דער סינאַגאָגע — 50 מ. לויטן פראָנטאָן, 60 מ. אין דער טיף, איז פּראָיעקטירט אין אַראַביש־מאַוריטאַנישן סטיל, ער פאַר־מאָגט מינאַרעטן אין די ווינקל־אַרויסטריטן.

דער הויפּט־פּאָרטאַל, צו וועלכן עס פירן 18 גראַניט־טרעפּ, געפינט זיך באַם אַריינגאַנג אין אַ גרויסן וועסטיבול.

דער אָרנקוידעש איז אָוועקגעשטעלט אונטער אַ קופּאָלאַרטיק דעכל. דער קופּאָל איז געמאַכט פון קאָלירט גלאָז און איז אַרומגערינגלט מיט אַ ספּעציעלער מעטאַלענער באַגילדעטער נעסט. דער קופּאָל ווערט באַלויכטן פון אונטן דורך אַן אייביק ברענענדיק לעמפּל. אויף די אויסערלעכע פּראָנ־טאָנען פון דער סינאַגאָגע זיינען די טעראַקאָטע־אָרנאַמענטן געמאַכט דורכן פּראָפעסאָר ד. אי. יענסאָן. דער זאַל פון דער הויפּט־סינאַגאָגע איז באַ־שטימט צום דאַוונען אינדערפרי און אין אָוונט. די צוויי זייטיקע ביניאָנים זיינען באַשטימט: איינער (אין אַלגאַמברע־סטיל) אַלס כאַסענע־זאַל, דער צווייטער פון רעכטס אַלס מאַצע־בעקעריי. דער גראַניט־פּאַרקן, מיט אַ קינסטלערישער מעטאַלענער באַפּוצונג אין דער זייט פונעם לערמאָנטאָ־ווער פּראָספּעקט, איז אויסגעבויט געוואָרן עטוואָס שפּעטער, אין די יאָרן 1903—1905, אינעם פּאַרקן זיינען פּאַראַן צוויי טויערן מיט צווייענדיקע טירן און אַ צענטראַלער אַריינגאַנג. דער מעטאַלענער טייל פונעם פּאַרקאַן

איז טיילווייז באגילדעט אין העסקעם מיטן געמעל און איז באפוצט מיט פסוקים פון דער טוירע.

די בויונג פון דער סינאגאָגע, האָט, לויט די באריכטן פון יענער צייט, אָפגעקאָסט 594 טויזנט רובל אין גאָלד. זי האָט זיך פארענדיקט אין 1893.

די לענינגראדער יידישע קעהילע פארמאָגט איצט אלץ, וואָס איז נייטיק אף צו באפרידיקן די רעליגיעזע באדערפענישן פון די גלויביקע.

אין רעשוס פון דער קעהילע געפינען זיך:

די גרויסע קאָרשול;

די קליינע כסידישע סינאגאָגע;

אַן אוקראַינישע סינאגאָגע פאר די ספארדים;

א כופע־זאל פאר דעם כאסענע־ריטואַל;

א מיקווע. געוויסע טעג זיינען באשטימט פאר מאנצבלען און געוויסע טעג פאר פרויען;

א ספעציעל שעכטהויז אין העסקעם מיטן ריטואַל;

א בעקעריי אף באקן מאצע. זי באזאָרגט פולשטענדיק די באדערפענישן פון די פרומע יידן אין די פייסעך־טעג. דער סעזאָן פון באקן מאצע דויערט 3—4 כאדאָשים. מיט מעל ווערט די בעקעריי באזאָרגט פון דער מעלוכע.

קעדיי די פרומע יידן זאָלן האָבן קאָשער פלייש, האָט מען זיך צונויפגערעדט מיט אייניקע דאָרפישע איינוווינער פון דער לענינגראדער געגנט, וועלכע קויפן איין לעבעדיקע פי, און שאָכטים קוילען זיי. די שאָכטים האָבן דערצו א ספעציעלע דערלויבעניש לויטן רעליגיעזן דין. דאָס קאָשערע פלייש ווערט דערנאָך פארקויפט אפן קוזניעצקי מארק אין לענינגראד לויט די דורכשניטלעכע מארק־פרייזן.

אף מעקאבער זיין לויטן יידישן רעליגיעזן דין געשטאָרבענע זיינען פאראן דריי יידישע בעסוילעמס: דער פרעאָבראזשענסקער, דער בעסוילעם פון די קאָרבאָנעס פון 9־טן יאנואר, דער דאָרעמדיקער (פולקאָווער); אפן פרעאָבראזשענסקער בעסוילעם איז פאראן אין דער סינאגאָגע א טאהארע־פאוויליאָן, ווו מע וואשט די מייסים, דעם קווורע־ריטואַל פירן די אָנגעשטעלטע פון כעווורע־קאדישע, פאראן דאָרט א ווארט־זאל פאר העספיידים.

ריטואלן אין די יידישע רעליגיעזע יאָמטויווים (פייסעך, שוועס, סוקעס, ראָשעשאָנע, יאָמקיפער, סימכאסטוירע) ווערן דורכגעפירט אין דער אָנוועזנהייט פון פאָרשטייער פונעם דיפלאָמאטישן קאָרפוס, וועלכע זיינען אקרעדיטירט אין לענינגראד.

די מערהייט מיספּאַלעלים האָבן אין די סינאַגאָגעס שוין אַ סאַך יאָרן זייערע שטעט (שטענדיקע ערטער). אַף דורכפירן פּייערלעכע טפילעס זיינען פאַראַן שטענדיקע כאַזאָנים און אַ כאָר. צו די גרויסע יאָמטויווים לאַדט מען איין דעם אָבער־כאַזן ד. מ. קאַמענעצקי, אַ געוועזענעם סאָליסט פון דער קיִעווער אָפּערע (ער וווינט איצט אין אַלמאַ־אַטאַ).

פונעם געזאָגטן איז צו זען, אַז עס ווערן פולשטענדיק אָפּגעהיט די לאַנגאָניקע טראַדיציעס אין אָפּריכטן רעליגיִעזע ריטואַלן.

אונדזער ייִדישע קעהילע האַלט אונטער פרייִנטלעכע באַציִונגען מיט אַנדערע רעליגיִעזע פאַרייניקונגען פון לענינגראַד, באַזונדערס מיט דער רוסישער פּראַוואָסלאַוונער קירך און מיט אירע אָנפירער. אין די יאָמטויווים פון אונדזערע רעליגיִעס טוישן מיר זיך אויס מיט באַגריסונג־טעלע־גראַמעס מיט די רעליגיִעזע טוער און געוויינלעכע מיטגלידער פון די רעליגיִעזע געמיינדעס. די אָנפירער און מיטגלידער פון דער ייִדישער רע־ליגיִעזער פאַרייניקונג זיינען אָפטע געסט באַם מיטראָפּאָליט פון לענינ־גראַד און נאָווגאָראָד אַנטאָני. פאַר די פּראַוואָסלאַוונע היִעראַרכן פון שטאָט און פאַר די אַנדערע אָנפירער פון די רעליגיִעזע געמיינדעס ווייזן מיר אַרויס די געהעריקע גאַסטפרייִנטלעכקייט.

אין די ייִזקער־טעג (פּייסעך, שוועס, יאָמקיפּער און סוקעס) טרעט אַרויס פאַר די מיספּאַלעלים דער לענינגראַדער ראַוו כ. לעוויטיס, דער־מאָנענדיק וועגן זייער כויוו ניט צו פאַרגעסן וועגן די העלדן, וועלכע זיי־נען אומגעקומען אַף דער מילכאָמע, וועגן אַלע קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם.

פּייסעך ווערן געשיקט פּאָטשט־פּעקלעך מיט לענינגראַדער מאַצע צו די ראַבאָנים פון די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע — די הערן טייץ, שנייער, פּאָליאַק, העכטמאַן און אַנד.

דער יאָר־בודזשעט פון דער לענינגראַדער סינאַגאָגע באַטרעפט, לויט די לעצטע אָנגאַבן, אַרום 150 טויזנט רובל.

די פאָרשטייער פון דער קעהילע נעמען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין פאַרשיידענע מאָסמיטלען פון די רעליגיִעזע פאַרייניקונגען פונעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד, וועלכע האָבן דעם ציל צו קעמפן פאַר שאָלעם און יוישערדיקע באַציִונגען צווישן די פעלקער.

אַ סאַך צייט און אופמערקזאַמקייט שענקט די פאַרוואַלטונג פון דער קעהילע די אויסלענדישע באַזוכער פון דער סינאַגאָגע. די מערהייט געסט פאָרן אָוועק מיט גוטע איינדרוקן וועגן דעם פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקטן

לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן אין דער איינהײַטלעכער סאָוועטישער פיל־נאַציאָנאַלער מישפּאָכע פונעם סאָוועטנפארבאנד. דאָס איז צו זען פון די פּאַרנאָטירונגען אין אַ ספּעציעלן בוך פאַר די ערן־געסט פון אונדזער סינאַגאָגע. זיי איבערצײַגן זיך, אַז די סאָוועטישע ייִדן געניסן פון אַלע רעכט — אויף אַרבעט, בילדונג, מעדיציניש באַדינונג און געצאָלטס, אָנהייבנדיק פונעם געבוירן־טאָג און ביז דער טיפער עלטער, פון די רעכט אויף אַ וווינונג און פּענסיע־באַזאָרגונג, אויף דער פרײַהײַט צו האַלטן זיך בײַ דער אייגענער רעליגיע, צו אָפּריכטן די רעליגיעזע ריטואַלן. קיין שום סינע צווישן די רעליגיעזע פאַרייניקונגען און רעליגיעס איז אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד ניטאָ, דה. פאַר אַלע גלויבנדיקע, אומאָפּהענגיק פון דער נאַציאָנאַליטעט, איז גאַראַנטירט פולע פרײַהײַט פון געוויסן, מע מעג זיך האַלטן בײַ יעטווידער רעליגיע, אָדער ניט גלייבן אין קיין שום רעליגיע. דאָס אַלץ גאַראַנטירט די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע.

די רעליגיעזע טוער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד — ייִדן, קריסטן, מוסולמענער, בודיסטן און אַנד. זײַנען געווען און וועלן זײַן קעמפער פאַר אַ פעסטן שאָלעם, פאַר יושערדיקע באַציִונגען צווישן די פעלקער אין גאַנצער וועלט. די לענינגראַדער ייִדישע קעהילע האָט אַלע מעגלעכקייטן צו שאַפן פאַר די גלויבנדיקע באַדינגונגען אויף צו באַפרידיקן זייערע רעליגיעזע באַדערפענישן.

צום שלוס דאַרף מען באַזונדערס דערמאָנען וועגן דעם אָנטייל פון די גלויבנדיקע ייִדן אינעם בויען דאָס נײַע סאָוועטישע לעבן, וועגן זייער אַקטיוון אָנטייל אין דער גרויסער פּאַטריאָטישער מילכאָמע.

מע דאַרף אויך זאָגן, אַז די גרעסטע מערהײַט באַזוכער פון דער סינאַגאָגע זײַנען פאַרדינסטפולע אַרבעטסלײַט. דאָס זײַנען געוועזענע אָפּאָלטשענצעס פון לענינגראַד בײַס דער מילכאָמע און בלאָקאַדע, וועלכע האָבן באַקומען אַ באַזאָרגטע עלטער, און אייניקע פון זיי אַרבעטן אויך איצט אין די אינטערעסן פונעם היימלאַנד — דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. די גלויבנדיקע ייִדן פון לענינגראַד, ווי די פאָרשטייער פון די אַנדערע רעליגיעס, וועלן שטענדיק אונטערהאַלטן דעם קאַמף פאַר אַ ליכטיקן שאָלעם, פאַר דער פרייד און גליק פון אַלע מענטשן פון דער פּלאַנעט.

קאַלמען פּלאָטקין
פּאָרזיצער פון דער לענינגראַדער ייִדישער קעהילע.

ארום דער פראגע וועגן קאָנטאקטן צווישן בירגער פון פארשיידענע לענדער, וועגן ארויספאָרן פונעם סאָוועטנפארבאנד און ארײַנפאָרן אהין

(אינטערוויו מיטן שעף פון „אָוויר"
באַם אינערן־מיניסטעריום פון פססר ק. זאָטאָוו)

קאָרעספּאָנדענט. פון דער פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי". וועגן די פּרינ־ציפּן און וועגן דער פּראקטיק, באַ וועלכע עס האלטן זיך די סאָוועטישע מאכט־אָרגאנען, וואָס פירן אָן מיט די פראגן וועגן ארײַנפאָרן אין לאנד און ארויספאָרן פון דאָרט, האָבן שוין פיל מאָל זיך ארויסגעזאָגט אווטאָרי־טעטע פאָרשטייער פון אונדזער מעלוכע, צווישן זיי אויך איר. פונדעסט־וועגן ווערט די סאָוועטישע פּראקטיק אין דער דאָזיקער פראגע פאלש אויס־געטײַטשט און דינט אלס אָביעקט פון אָנפאלן מיצאד באשטימטע קרײַזן און פרעסע־אָרגאנען אפן מײַרעוו. דעריבער וויל איך בעטן, איר זאָלט צוערשט נאָכאמאָל אינקורצן פאָרמולירן די גרונט־מאָסטימלען, וועלכע דער סאָוועטנפארבאנד האָט אָנגענומען אין דעם פראט נאָכן אונטער־שרײַבן די העלסינקער פארשטענדיקונגען.

ק. זאָטאָוו. אויספילנדיק קאָנסעקווענט און אין דער פולער מאָס די העלסינקער פארשטענדיקונגען, האָט אונדזער מעלוכע איינזײַטיק דורכ־געפירט א ריי מאָסמיטלען, וואָס זייער ציל איז מיטהעלפן דער ווײַטער־דיקער אנטוויקלונג פון די קאָנטאקטן צווישן מענטשן.

באזונדערס, קעדיי צו מאכן איינפאכער די פּראָצעדורן פון רײַזעס קיין אויסלאנד, איז די „גרונטלאגע וועגן ארײַנפאָרן אין פססר און ארויס־פאָרן פון דאָרט", וועלכע איז באשטעטיקט פונעם מיניסטאָרן־ראט פון פססר, ווי אויך די אנדערע נאָרמאטיווע אקטן, געבראכט געוואָרן אין העסקעם מיט די רעקאָמענדאציעס פונעם שלוס־אקט:

— עס זײַנען אין צוויי מאָל פארקירצט די טערמינען פון באטראכטן באקאָשעס וועגן ארויספאָרן קיין אויסלאנד און ארײַנפאָרן אין פססר. די

אַרײַנפֿאָר־וויזעס פֿאַר אויסלענדישע בירגער אַף באַזוכן צײַטווײַליק דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד ווערן איצט אַרויסגעגעבן ניט שפּעטער, ווי אין 10 טעג אַרום נאָכן צושטעלן אין סאָוועטישן קאָנסולאַט די נייטיקע דאָקומענטן. אַן אויסלענדישער פּאַספּאָרט פֿאַר אַ סאָוועטישן בירגער אַף אַרויספֿאָרן קיין אויסלאַנד ווערט געגעבן אין מעשעך פֿון 15 ביז 30 טעג;

— אונדזער לאַנד איז אויך אַריבער צו דער פּראַקטיק פֿון אַרויסגעבן אַף יעסוידעס פֿון קעגנזײַטיקײַט פֿילמאָליקע וויזעס פֿאַר אויסלענדישע זשורנאַליסטן, טעכנישע ספּעציאַליסטן, לערער, קאָמערסאַנטן און מיטאַרבעטער פֿון האַנדלס־עקאָנאָמישע פֿאָרשטייערשאַפֿטן און בענק. הײַנט צו טאָג האָבן 92 מעלוכעס פֿאַרשטענדיקונגען מיטן סאָוועטנפֿאַרבאַנד וועגן רײַזעס פֿון באַזונדערע קאַטעגאָריעס בירגער אָן וויזעס אָדער וועגן אַרויסגעבן קעגנזײַטיק פֿילמאָליקע וויזעס;

— עס זײַנען אָפּגעשאַפֿן וויזעס פֿאַר די, וואָס רײַזן אַף סאָוועטישע און אויסלענדישע שיפֿן, באַם אַראָפּגיין אַפֿן ברעג אין די קרויז־פּאָרטן און פֿאַר אויסלענדישע אוויאַ־פּאַסאַזשירן באַם דירעקטן טראַנזיט;

— עס איז פֿאַרקלענערט (אין צוויי גענג — אין 1975 און 1978) אַף 50 פּראָצ. די גרייס פֿונעם גרענעץ־אָפּצאָל פֿאַר אַרויסגעבן דאָקומענטן און עס איז געגעבן דאָס רעכט די אָרטיקע פֿינאַנץ־אָרגאַנען צו באַפֿרײַען בירגער פֿונעם מעלוכישן גרענעץ־אָפּצאָל אין העסקעם מיט דער מאַטעריעלער לאַגע;

— עס איז פֿאַרקירצט אין צוויי מאָל דער טערמין פֿון רעווידירן די נעגאַטיווע באַשלוסן וועגן אַרויספֿאָרן, איצט ווערן אַזעלכע באַשלוסן רעווידירט לויט דער ביטע פֿון דעם, וואָס האָט אָנגעגעבן אַזאַ מעלדונג, ניט שפּעטער ווי אין 6 כאַדאָשים אַרום;

— עס איז אָפּגעשאַפֿן דער מעלוכישער גרענעץ־אָפּצאָל באַם באַטראַכטן הישטאַדלעסן צום צווייטן מאָל;

עס איז פֿאַרײַנפֿאַכט די אויספֿורעמונג וועגן אַרויספֿאָרן פֿון פּסר, באַזונדערס איז פֿאַרקירצט די צאָל דאָקומענטן, וועלכע די בירגער דאַרפֿן צושטעלן;

— עס זײַנען פֿאַרײַנפֿאַכט די טאַמאָזשנע־פֿאָרמאַליטעטן באַם אַרויספֿירן כפֿייצים פֿון היימישן באַנוץ און פּערזענלעכן געברויך, אײַנגעשלאָסן כפֿייצים פֿון לאַנגן באַנוץ (אַוטאָמאָבילן, מעבל, אײַז־קאַסטנס אאַז.), אומאָפּהענגיק פֿון דער צײַט, ווען זיי זײַנען אײַנגעקויפֿט געוואָרן.

נאָכן אונטערשרײַבן דעם שלוס־אקט האָט דער סאָוועטנפארבאנד זיך צוגעפאסט צו דעם וויקלונג־פראגראם פון קעגנזײַטיק מיט א ריי לענדער וועגן פארקירצן די טער־מינען פון ארויסגעבן וויזעס בענעגייע טראנזיט, אויך וועגן קאָנסול־פראגן.

קאָרעספּאָנדענט. ווי האָבן געווירקט אף דער פארברייטערונג פון די קאָנטאקטן צווישן מענטשן די מאָסמיטלען, וועלכע איר האָט אויסגע־רעכנט?

ק. זאַטאָוו. די צאָל אויסלענדער, וועלכע קומען קיין סאָוועטנפארבאנד, האָט זיך היפּש פארגרעסערט און פאר די פיר יאָר, וועלכע זײַנען אוועק נאָכן אונטערשרײַבן דעם שלוס־אקט, האָט זי באטראָפן 16 מיליאָן מענטשן פון 154 לענדער. פאר דעם זעלבן פעריִאָד האָבן מער פון 12 מיליאָן סאָ־וועטישע בירגער באזוכט 135 מעלוכעס פון דער וועלט.

מיטווירקנדיק אלזײַטיק, אין העסקעם מיט די גרונטלאגן פונעם שלוס־אקט, דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון קאָנטאקטן אפן סמאך פון קרויווישע פארבינדונגען אָדער צוליב אנדערע פערזענלעכע סיבעס, בא־טראכטן גינסטיק די אָרגאנען פון אינערן־איניאָנים פון פסס.

קאָרעספּאָנדענט. פונדעסטוועגן רעדט מען אין מײַרעוו וועגן „שטערונ־גען", וועלכע די סאָוועטישע מאכט־אָרגאנען פארשאפן די פערזאָנען, וואָס ווילן אינגאנצן ארויספאָרן פון לאנד, דערונטער צוליב דער פארייניקונג פון די מישפּאָכעס.

ק. זאַטאָוו. דאָס איז גאָלע שעקער. אונדזער לאנד היט שטרענג אָפּ די העלסינקער פארשטענדיקונגען, וועלכע זעען פאָרויס, מע זאָל באטראכטן פאָזיטיוו און הומאניש די ביטעס וועגן פארייניקן זיך מיט מישפּאָכע־מיט־גלידער. טויזנטער בירגער פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן האָבן באקומען מיטהילף אינעם פארייניקן זיך מיט זייערע קרויווים.

פאר די לעצטע יאָרן זײַנען אין סאָוועטנפארבאנד ארײַנגעפאָרן פון פארשיידענע לענדער פון דער וועלט און באקומען סאָוועטישע בירגער־שאפט העכער 300 טויזנט מענטשן. זיי אלע זײַנען בא אונדז אין לאנד אײַנגעאָרדנט געוואָרן אף ארבעט, מע האָט זיי געגעבן גלײַכע מיט אלע בירגער פון פסס רעכט — קוידעמקאָל מעגלעכקײַטן צו באקומען בילדונג, מעדיצינישע הילף און סאָציאלע באזאָרגונג. אומגעפער אזא צאָל מענטשן איז ארויסגעפאָרן פון פסס מיטן ציל צו פארייניקן זיך מיט זייערע מיש־פּאָכעס. דאָס זײַנען אין דער ערשטער ריי יידן, דײַטשן, שפּאניער, גריכן.

עס איז אויך באוווסט, אז די סאָוועטישע געזעצגעבונג זעט ניט פאָ־רויס קיין שום באַגרענעצונגען אין פּראַט פון כאַסענע האָבן מיט אויס־לענדער. פאַר די לעצטע יאָרן האָבן העכער 15 טויזנט סאָוועטישע בירגער כאַסענע געהאַט אַף אַזאַ אופן, פון זיי זײַנען 10 טויזנט 500 אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט זייערע מענער אָדער פרויען אין 100 לענדער פון דער וועלט.

קאָרעספּאָנדענט. ניט לאַנג צוריק האָט די מיניסטעריום־פּרעסע מיטגע־טיילט, אַז אומגעפער 120 טויזנט סאָוועטישע ייִדן וואַרטן אַף וויזעס, קעדיי אַרויסצופאָרן פון פססר. וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דעם?

ק. זאַטאָוו. דאָס איז אַ בעפיירעשער ליגן. אַזעלכע „יעדיעס” פאַר־שפּרייטן שוין ניט דאָס ערשטע מאָל די ציוניסטישע אָדער נאָענטע צו זיי קרײַזן. צום 1 יאַנוואַר 1980 האָבן אין די אָרגאַנען פון אינערן־מיני־סטעריום זיך געפונען סאַכאַקל 11 טויזנט 845 מעלדונגען פון ייִדן וועגן אַרויספאָרן פון לאַנד.

קאָרעספּאָנדענט. עס זײַנען אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע, וועמען מע זאָגט אָפּ צו געבן אַ דערלויבעניש אַף אַרויספאָרן?

ק. זאַטאָוו. יאָ, פאַראַן. די אָפּזאָגן טראָגן אָבער אַ צײַטווײַליקן כאַראַק־טער און די לעפּערעכדיקע צאָל פון אַזעלכע מענטשן איז גאַנץ קליין, מע מעג זאָגן — נישטיק. אין וועלכע פאַלן האַלטן מיר זיך צײַטווײַליק אָפּ אַרויסצוגעבן דערלויבענישן? דאָס אַרויספאָרן קאָן אָפּגעלייגט ווערן קאַל־זמאַן, לעמאָשל, די קרויווים, וועלכע פאָרן אַרויס, און די קרויווים, וועלכע בלײַבן איבער, האָבן ניט אײַנרעגולירט צווישן זיך זייערע באַציִונגען, באַ־זונדערס די מאַטעריעלע. אַף אַ באַשטימטער צײַט ווערט דאָס אַרויספאָרן אָפּגעלייגט אויך בענעגייע פּערזאָנען, וועלכע געפינען זיך אַף אַזאַ אַרבעט, אַז זיי האָבן אין זייער רעשוס יעדיעס, וואָס זײַנען אַ מעלוכע־געהיימניס, אָדער בענעגייע יענע, וועלכע האָבן מיט אַ קורצער צײַט צוריק דורכגע־מאַכט אַ צוגרייטונג צו באַזונדערס וויכטיקע מיליטערישע פאַכן. נאַטירלעך, מע זאָגט אָפּ צו געבן אַ דערלויבעניש אַף אַרויספאָרן אויך פּערזאָנען, וואָס געפינען זיך אונטער אַ יורידישער אויספאָרשונג, אָדער וועלכע קומען אָפּ זייער שטראָף, וואָס דאָס געריכט האָט זיי צוגעמישפּעט. אַזאַ פּראַקטיק איז אין פולן העסקעם מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פּאַקט וועגן ציווילע און פּאָלי־טישע רעכט, וועלכן די גענעראַלע אַסאַמבליי פון די פאַרייניקטע נאַציעס האָט אָנגענומען דעם 16 דעקאַבער 1966.

אונדזער היימלאַנד האָט זיי געקרוינט מיט רום

אין די יאָרן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מיל־כאָמע האָט א האלבער מיליאָן סאָוועטישע יידן אָנגעטאָן שינעלן, גענומען געווער אין האנט און צוזאמען מיט זייערע ברידער — רוסן, אוקראַינער, ווייסרוסן, קאזאכן אא. — אוועק פארטיידיקן דאָס לאנד פון סאָציאַליזם.

מיר פארעפנטלעכן א צעטל פון 132 העלדן פון סאָ־וועטנפארבאנד, יידן לויט דער נאציאָנאליטעט, צונויפגע־שטעלט אפן סמאך פון אָפיציעלע דאָקומענטן.

צוויי מאָל העלדן פון סאָוועטנפארבאנד

1. פאָלקאָווניק[1] דראגונסקי דאוויד אבראמאָוויטש, געבוירן 1910, באקומען דעם העלדן־טיטל לויט די אוקאזן פון פרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון פססר פון 23 סענטיאבער 1944 און 31 מײַ 1945.
2. קאָמאנדארם פון 2־טן ראנג סמושקעוויטש יאקאָוו וולאדימי־ראָוויטש (1900—1941), לויט די אוקאזן פון 21 יון 1937 און 17 נאָיאַ־בער 1939.

העלדן פון סאָוועטנפארבאנד

1. קאפיטאן אבראמאָוו שעטיעל סעמיאָנאָוויטש, געב. 1918. אוקאז פון 31 מײַ 1945.
2. לייטענאנט אבראמאָוויטש אבראם גריגאָריעוויטש (1910 — 1937), אוקאז פון 3 נאָיאבער 1937.

---

[1] דאָ ווערן אָנגעוויזן די מיליטערישע טיטלען פון די העלדן אין מאָמענט פון דער באלוינונג.

3. יעפרייטאָר אוֹשפּאָליס גריגאָרי סאָולאָוויטש, געב. 1923, אוקאַז פון 24 מאַרט 1945.

4. יעפרייטאָר אָטשערעט מיכאַיל יאָסיפּאָוויטש (1926 — 1945), אוקאַז פון 31 מײַ 1945.

5. גוו. סערזשאַנט אילאַזאַראָוו איסײַ אילאַזאַראָוויטש (1920 — 1944), אוקאַז פון 24 מאַרט 1945.

6. מאַיאָר באַרשט אַבּרעק אַרקאַדיעוויטש, געב. 1921, אוקאַז פון 10 אַפּרעל 1945.

7. קאַפּיטאַן פון 3־טן ראַנג באָגאָראַד סעמיאָן נאַומאָוויטש, געב. 1907, אוקאַז פון 8 יול 1945.

8. עלטערער לייטענאַנט בוּנימאָוויטש יורי עמאַנויִלאָוויטש (1919—1943), אוקאַז פון 22 יאַנוואַר 1944.

9. מאַיאָר בובער לעאָניד איליטש, געב. 1916, אוקאַז פון 7 אַפּרעל 1940.

10. לייטענאַנט בומאַגין יאָסיף ראָמאַנאָוויטש (1907—1945), אוקאַז פון 27 יון 1945.

11. גוו. קאַפּיטאַן בירברײַער יעווגעני אַבּראַמאָוויטש, געב. 1912, אוקאַז פון 26 אָקטיאַבּער 1943.

12. מאַיאָר בלוּוּשטיין אַלעקסאַנדער אַבּראַמאָוויטש, געב. 1910, אוקאַז פון 24 אַפּרעל 1944.

13. גוו. לייטענאַנט בעליאַווין יעווּעל סאַמוילאָוויטש, געב. 1920, אוקאַז פון 4 פעווראַל 1944.

14. מאַיאָר בעלינסקי יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש (1915—1944), אוקאַז פון 24 מאַרט 1945.

15. גענעראַל־לייטענאַנט בעסקין איזראַיִל סאָלאָמאָנאָוויטש (1895—1964), אוקאַז פון 31 מײַ 1945.

16. גוו. פּאָלקאָווניק בערדיטשעווסקי לעאָניד אַפאַנאַסיעוויטש (1908—1944), אוקאַז פון 24 מאַרט 1945.

17. עלטערער לייטענאַנט בערעזאָווסקי יעפים מאַטווייעוויטש, געב. 1913, אוקאַז פון 10 יאַנוואַר 1944.

18. פּאָדפּאָלקאָווניק בערענבוים יאַקאָוו אַבּראַמאָוויטש (1907—1943), אוקאַז פון 17 אָקטיאַבּער 1943.

19. פּאָלקאָווניק בראָזגאָל ניקאָלײַ איזראַילעוויטש, געב. 1912, אוקאַז פון 16 מײַ 1944.

20. פּאָלקאָווניק גאַלײַ מארק לאזארעוויטש, געב. 1914, אוקאַז פון 3 מײַ 1957.

21. פּאָליטרוק גאַרדעמאַן גריגאָרי איוואַנאָוויטש (1907—1943), אוקאַז פון 31 מארט 1943.

22. מאַיאָר גאָטליב עמאַנויִל דאַווידאָוויטש, געב. 1908, אוקאַז פון 24 מארט 1945.

23. עלטערער לייטענאַנט גאָנטשאַר גריגאָרי מיכײַלאָוויטש. אוקאַז פון 10 אַפּרעל 1945.

24. מאַיאָר גאָפּניק כאַסקעל מאָיסייעוויטש, געב. 1917, אוקאַז פון 27 יון 1945.

25. עלטערער לייטענאַנט גאָפּמאַן גענריך באָריסאָוויטש, געב. 1922, אוקאַז פון 26 אָקטיאַבער 1944.

26. עלטערער לייטענאַנט גאָרעליק זינאָווי סאַמוילאָוויטש, געב. 1904, אוקאַז פון 30 אָקטיאַבער 1943.

27. מיליטער־טעכניקער גאָרעליק סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש (1913—1941), אוקאַז פון 27 דעקאַבער 1941.

28. רויטאַרמייער גאַרפונקין גריגאָרי סאָלאָמאָנאָוויטש (1920—1943). אוקאַז פון 10 יאַנוואַר 1944.

29. לייטענאַנט גורוויטש סעמיאָן איסאַקאָוויטש, געב. 1923, אוקאַז פון 26 אָקטיאַבער 1944.

30. ייִנגערער לייטענאַנט גורעוויטש מיכאַיִל לוואָוויטש (1904—1943), אוקאַז פון 4 יון 1944.

31. לייטענאַנט גורעוויטש סעמיאָן שלעמאָוויטש, געב. 1915, אוקאַז פון 26 אָקטיאַבער 1943.

32. עלטערער לייטענאַנט געלמאַן פּאָלינאַ וולאַדימיראָוונאַ, געב. 1919, אוקאַז פון 15 מײַ 1946.

33. ייִנגערער סערזשאַנט געלפּערג סעמיאָן גריגאָריעוויטש (1924—1943), אוקאַז פון 17 נאָיאַבער 1943.

34. גוו. סערזשאַנט גראַבסקי מיכאַיִל איסאַקאָוויטש, געב. 1923, אוקאַז פון 10 יאַנוואַר 1944.

35. גוו. עלטערער לייטענאַנט ד אָ ל ז ש א נ ס ק י יורי מאָיסייעוויטש (1923—1943), אוקאַז פון 16 אָקטיאַבער 1943.

36. סערזשאַנט ד וו ו כ ב א ב נ י איסאַק שײַעוויטש (1922—1943), אוקאַז פון 16 מײַ 1944.

37. רויטאַרמייער ד י ס ק י ן יעפים אנאַטאָליעוויטש, געב. 1923, אוקאַז פון 12 אַפּרעל 1942.

38. מאַיאָר ד ע ר נ אָ וו ס ק י גריגאָרי באָריסאָוויטש, געב. 1910, אוקאַז פון 26 אָקטיאַבער 1943.

39. עלטערער לייטענאַנט ד ר י ז אָ וו ס ק י סעמיאָן באָריסאָוויטש. אוקאַז פון 17 אָקטיאַבער 1943.

40. עלטערער לייטענאַנט וו א ק ס מ א ן איסאַק פּיאָדאָראָוויטש (1922—1943), אוקאַז פון 22 פעווראַל 1944.

41. ייִנגערער לייטענאַנט וו א ל י א נ ס ק י מיכאַיִל יאַקאָוולעוויטש, געב. 1915, אוקאַז פון 15 מײַ 1946.

42. קאַפּיטאַן וו י כ נ י ן זאַלמאַן דאַווידאָוויטש (1909—1943), אוקאַז פון 16 אָקטיאַבער 1943.

43. ייִנגערער לייטענאַנט וו י נ אָ ג ר א ד אָ וו גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש (1912—1963). אוקאַז פון 27 פעווראַל 1945.

44. מאַיאָר וו י ל ע נ ס ק י ס וואָלפאַס לייבאָוויטש, געב. 1919, אוקאַז פון 24 מאַרט 1945.

45. גוו. פּאָדפּאָלקאָווניק וו ײַ נ ר ו ב יעוסיי גריגאָריעוויטש, געב. 1909, אוקאַז פון 6 אַפּרעל 1945.

46. גוו. גענעראַל־מאַיאָר וו ײַ נ ר ו ב מאַטוויי גריגאָריעוויטש, געב. 1910, אוקאַז פון 6 אַפּרעל 1945.

47. גוו. קאַפּיטאַן וו ײַ נ ש ט י י ן באָריס יאַקאָוולעוויטש (1910—1944), אוקאַז פון 15 מײַ 1946.

48. גוו. ייִנגערער לייטענאַנט וו ײַ ס ע ר וולאַדימיר זעלמאַנאָוויטש (1921—1943). אוקאַז פון 25 אווגוסט 1944.

49. קאַפּיטאַן וו ע ר נ י ק אָ וו יאַקאָוו איליטש, געב. 1920, אוקאַז פון 18 נאָיאַבער 1944.

50. ייִנגערער לייטענאַנט ז י נ ד ע ל ס אַבראַם מאָיסייעוויטש (1924—1943), אוקאַז פון 1 נאָיאַבער 1943.

51. סערזשאנט זלאטין יעפים גריגאָריעוויטש, געב. 1913, אוקאז פון 26 אָקטיאבער 1943.

52. יינגערער סערזשאנט זשאָלודעוו נאום איליטש, געב. 1922, אוקאז פון 20 דעקאבער 1943.

53. קאפיטאן טארנאָפאָלסקי אבראם איסאקאָוויטש (1912—1944), אוקאז פון 15 יאנוואר 1944.

54. סערזשאנט טאָוואראָווסקי פיאָטער איליטש (1923—1943), אוקאז פון 17 אָקטיאבער 1943.

55. קאפיטאן טוריאן פינכוס גריגאָריעוויטש, געב. 1896, אוקאז פון 19 מארט 1944.

56. גוו. פאָדפאָלקאָווניק טעמניק אבראם מאטווייעוויטש (1907—1945), אוקאז פון 31 מײַ 1945.

57. מאיאָר טשאפיטשעוו יאקאָוו יודאָוויטש (1909—1945), אוקאז פון 27 יון 1945.

58. קאפיטאן טשײַקאָווסקי יאָסיף יעפימאָוויטש (1923—1945), אוקאז פון 31 מײַ 1945.

59. גוו. יינגערער לייטענאנט יאקובאָווסקי איזראיל סעמיאָנאָוויטש (1924—1944), אוקאז פון 16 מײַ 1944.

60. גוו. לייטענאנט יודאשקין הירש כאצקעלעוויטש, געב. 1905, אוקאז פון 26 אָקטיאבער 1943.

61. גוו. פאָלקאָווניק יופא יאָסיף סעמיאָנאָוויטש, געב. 1915, אוקאז פון 9 פעווראל 1944.

62. קאפיטאן כאסין וויקטאָר יאקאָוולעוויטש, געב. 1915, אוקאז פון 1 מײַ 1943.

63. גוו. פאָדפאָלקאָווניק כאצקעוויטש וואָלף בערקאָוויטש, געב. 1908, אוקאז פון 20 דעקאבער 1943.

64. סערזשאנט כאָכלאָוו מאָיסיי זאלמאנאָוויטש, געב. 1923, אוקאז פון 29 אָקטיאבער 1943.

65. קאפיטאן כיגרין באָריס לוואָוויטש (1909—1941), אוקאז פון 31 אווגוסט 1941.

66. יינגערער לייטענאנט כייפעץ סעמיאָן איליטש, געב. 1909, אוקאז פון 15 מײַ 1946.

67. קאַפּיטאַן לונץ באָריס גריגאָריעוויטש. געב. 1908. אוקאַז פון 27 יול 1943.

68. מאַיאָר ליבמאַן מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש (1921—1945), אוקאַז פון 10 אַפּרעל 1945.

69. גוו. פּאָדפּאָלקאָווניק לעוו באָריס דאַווידאָוויטש, געב. 1911, אוקאַז פון 16 אָקטיאַבער 1943.

70. עלטערער לייטענאַנט לעוו ראַפאַיל פּראָזמאָוויטש (1918—1943), אוקאַז פון 17 אָקטיאַבער 1943.

71. קאַפּיטאַן לעוויטאַן וולאַדימיר סאַמוילאָוויטש, געב. 1918, אוקאַז פון 26 אָקטיאַבער 1944.

72. גוו. עלטערער לייטענאַנט לעווין באָריס סאַוועליעוויטש, געב. 1922, אוקאַז פון 26 אָקטיאַבער 1944.

73. גוו. פּאָלקאָווניק לעווין סעמיאָן סאַמוילאָוויטש, געב. 1904, אוקאַז פון 27 יוני 1945.

74. עלטערער לייטענאַנט לעטוטשי איזראַיל יאַקאָװלעוויטש, געב. 1908, אוקאַז פון 19 מײַ 1940.

75. פּאָלקאָווניק מאַנעוויטש לעוו יעפימאָוויטש (1898—1945), אוקאַז פון 20 פעוורואַל 1965.

76. גוו. עלטערער לייטענאַנט מאַץ גריגאָרי זעלמאַנאָוויטש, געב. 1920, אוקאַז פון 17 מײַ 1944.

77. פּאָלקאָווניק מאַקאָווסקי יאָסיף איסײַעוויטש, געב. 1918, אוקאַז פון 21 מאַרט 1940.

78. עלטערער לייטענאַנט מאַרגוליס דאַוויד לוואָוויטש, געב. 1914, אוקאַז פון 15 יאַנוואַר 1940.

79. רויטאַרמייער מאַרגוליאַן לעוו מאַרקאָוויטש (1903—1943), אוקאַז פון 17 אָקטיאַבער 1943.

80. מאַיאָר מאַריאַנאָווסקי מאָיסיי פּרויזמאָוויטש (1923—1944), אוקאַז פון 19 מאַרט 1945.

81. ייִנגערער סערזשאַנט מאַשקאַוצאַן שאַבסאַ מענדעלעוויטש, געב. 1924, אוקאַז פון 27 יוני 1945.

82. ייִנגערער לייטענאַנט מאַלאַטשניקאָוו ניקאָלײַ מאָיסייעוויטש, געב. 1924, אוקאַז פון 28 אַפּרעל 1945.

83. פּאָדפּאָלקאָווניק מילנער ראפאיל איסײַעוויטש, געב. 1910, אוקאַז פון 15 יאנואר 1944.

84. גוו. קאפּיטאן מעלאך יעפים לוואָוויטש, געב. 1918, אוקאז פון 4 נאָיאבער 1944.

85. קאפּיטאן סאפּאָזשניקאָוו אבראם סאמוילאָוויטש, געב. 1923, אוקאז פון 19 אפּרעל 1945.

86. ייִנגערער סערזשאנט סאָקאָלינסקי רודאָלף מאָיסייעוויטש, געב. 1923, אוקאז פון 10 אפּרעל 1945.

87. קאפּיטאן פון 3־טן ראנג סווערדלאָוו אבראם גריגאָריעוויטש, געב. 1912, אוקאז פון 24 יול 1944.

88. לייטענאנט סטערין יעפים איליטש (1924—1944), אוקאז פון 20 דעקאבער 1943.

89. גוו. לייטענאנט סטראַטיִעווסקי נאטאן באָריסאָוויטש, געב. 1920, אוקאז פון 23 פעווראל 1945.

90. מאיאָר סמאָליאקאָוו אבראם יעפימאָוויטש (1908—1943), אוקאז פון 24 דעקאבער 1943.

91. עלטערער לייטענאנט סעלסקי סעמיאָן פּעטראָוויטש, געב. 1924, אוקאז פון 24 מארט 1945.

92. קאפּיטאן סערפּער יאָסיף לאזארעוויטש, געב. 1911, אוקאז פון 1 נאָיאבער 1943.

93. לייטענאנט ספּיוואק מאָיסיי לייוויקאָוויטש (1919—1943), אוקאז פון 17 אווגוסט 1943.

94. לייטענאנט פּאוולאָווסקי ראפאיל סעמיאָנאָוויטש, געב. 1924, אוקאז פון 10 אפּרעל 1945.

95. רויטארמייער פּאפּערניק לאזאר כאַימאָוויטש (1918—1942), אוקאז פון 21 יול 1942.

96. קאפּיטאן פּאָליוסוק נאטאן מיכײַלאָוויטש, געב. 1922, אוקאז פון 15 מײַ 1946.

97. גוו. פּאָדפּאָלקאָווניק פּייסאכאָווסקי נאום גריגאָריעוויטש, געב. 1909, אוקאז פון 31 מײַ 1945.

98. קאפּיטאן פּלאָטקין מיכאיל ניקאָלײַעוויטש (1912—1942), אוקאז פון 13 אווגוסט 1941.

99. ייִנגערער לייטענאַנט פּ ר י ג אָ ו װאָלאָדימיר באָריסאָוויטש (1924—1944), אוקאַז פֿון 24 מאַרט 1945.

100. רויטאַרמייער פּ אַ ר ז ו ן יאַקאָוו פּאַוולאָוויטש, געב. 1924, אוקאַז פֿון 22 יוני 1944.

101. קאַפּיטאַן פֿון 2־טן ראַנג פּ י ס אַ נ אָ ו י ט ש איזראַיל איליטש (1914—1944), אוקאַז פֿון 3 אַפּריל 1942.

102. ייִנגערער לייטענאַנט פּ ע ל ז ע נ ש ט יי ן איליאַ לאַזאַרעוויטש, געב. 1924, אוקאַז פֿון 17 נאָיאַבער 1943.

103. רויטאַרמייער צ י נ ד ע ל י ס באָריס איזראַילעוויטש (1916—1944), אוקאַז פֿון 24 מאַרט 1945.

104. גוו. קאַפּיטאַן צ י ט אָ ו ס ק י יעפֿים גריגאָריעוויטש, געב. 1920. אוקאַז פֿון 24 מאַרט 1945.

105. סעקרעטאַר פֿון מינסקער אונטערערדישן שטאָט־קאָמיטעט פֿון קפּסב ק אַ ז י נ ע ץ איסײַ פּאַוולאָוויטש (1910—1942). אוקאַז פֿון 8 יוני 1965.

106. קאַפּיטאַן ק אַ ט ו נ י ן איליאַ באָריסאָוויטש (1908—1944), אוקאַז פֿון 31 מײַ 1944.

107. מאיאָר ק אַ פּ ל אַ ן לאַזאַר מאָיסייעוויטש, געב. 1917, אוקאַז פֿון 24 מאַרט 1945.

108. פּאָלקאָווניק ק אַ פּ ל ו נ אָ ו אַרקאַדי לוואָוויטש, געב. 1912, אוקאַז פֿון 17 נאָיאַבער 1943.

109. קאַפּיטאַן פֿון 3־טן ראַנג ק אָ נ אָ ו אַ ל אָ ו װאָלאָדימיר קאָנסטאַנטינאָוויטש (1911—1967), אוקאַז פֿון 8 יולי 1945.

110. גענעראַל־פּאָלקאָווניק ק אָ ט ל י אַ ר לעאָנטי זינאָוויעוויטש, געב. 1901, אוקאַז פֿון 28 אַפּריל 1945.

111. פּאָדפּאָלקאָווניק ק אָ ט ל י אַ ר ס ק י באָריס מאָיסייעוויטש, געב. 1914, אוקאַז פֿון 27 פֿעווראַל 1945.

112. פּאָלקאָווניק ק אָ נ צ ע ו ו אָ י זינאָווי אַבראַמאָוויטש, געב. 1903, אוקאַז פֿון 17 אָקטיאַבער 1943.

113. עלטערער לייטענאַנט ק אָ ר ס ו נ ס ק י וואָלף באָרוכאָוויטש, געב. 1923, אוקאַז פֿון 18 אויגוסט 1945.

114. לייטענאַנט ק ו ד ר י אַ ו י צ ק י דאַוויד אַבראַמאָוויטש (1919—1943), אוקאַז פֿון 15 יאַנוואַר 1944.

115. מאיאָר קוניקאָוו צעזאר לוואָוויטש (1909—1943), אוקאז פון 17 אפרעל 1943.

116. גוו. לייטענאנט קופערשטיין איזראַיל גריגאָריעוויטש, געב. 1915, אוקאז פון 10 יאנואר 1944.

117. פאָדפאָלקאָווניק קראַוועץ מיכאַיל פינכוסאָוויטש, געב. 1920, אוקאז פון 10 יאנואר 1944.

118. קאפיטאן קראסנאָקוטסקי כאַטיא מייעראָוויטש, געב. 1904, אוקאז פון 21 מארט 1940.

119. גענעראל־לייטענאנט קריוואָשעין סעמיאָן מאָיסייעוויטש, געב. 1899, אוקאז פון 29 מײַ 1945.

120. פאָלקאָווניק קרייזער יאקאָוו גריגאָריעוויטש (1905—1969), אוקאז פון 21 יול 1941.

121. פאָלקאָווניק קרעמער סימאָן דאווידאָוויטש, געב. 1900, אוקאז פון 23 אווגוסט 1944.

122. גוו. קאפיטאן ריווקין באָריס מיראָנאָוויטש, געב. 1919, אוקאז פון 24 אווגוסט 1943.

123. לייטענאנט שאנדאלאָוו יורי אבראמאָוויטש (1923—1945), אוקאז פון 15 מײַ 1946.

124. קאפיטאן שאכנאָוויטש מאָיסיי דאווידאָוויטש, געב. 1918, אוקאז פון 1 נאָיאבער 1943.

125. מאיאָר שווארצמאן מאָיסיי פראָימאָוויטש (1911—1944), אוקאז פון 22 יול 1944.

126. רויטארמייער שוראס קאלמאן מאושאָוויטש, געב. 1917, אוקאז פון 24 מארט 1945.

127. קאָמאנדארם פון 1־טן ראנג שטערן גריגאָרי מיכײַלאָוויטש (1900—1941), אוקאז פון 29 אווגוסט 1939.

128. גוו. סערזשאנט שינדער אראָן יעווסייעוויטש, געב. 1911, אוקאז פון 27 פעווראל 1945.

129. יינגערער לייטענאנט שנײַדערמאן מיכאַיל יעפימאָוויטש, געב. 1909, אוקאז פון 27 יון 1945.

130. פאָלקאָווניק שעוועלעוו מארק איוואנאָוויטש, געב. 1904, אוקאז פון 27 יון 1937.

אזוי לעבן מיר

אין איינעם פון די נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ (אָקטיאַבער, 1977) זײַנען פאַרעפנטלעכט 26 דערציילונגען, וועלכע 26 סאָוועטישע ייִדישע פּראָזע־שעפער, יעדערער אויף זײַן אויפן, האָבן אָנגעשריבן. די דערציילונגען זײַנען געווידמעט דער הײַנטצײַטיקער טעמע, דאָס הייסט דעם אַרט לעבן, דער וועלט־אויפֿפאַסונג פֿונעם איצטיקן ייִדן אין ראַטנפֿאַר־באַנד. איז דאָס דער פּאַסיקער פֿאַל צו אויפשטעלן לויט דעם דאָזיקן קינסט־לערישן מאַטעריאַל אַ מין „קאָלעקטיוון פּאָרטרעט״ פון אונדזער מיטצײַט־לער, פֿונעם סאָוועטישן ייִדן, אַרום וועלכן עס דרייען זיך הײַנט אַרום אין די אויסלאַנדס אַזויפיל געוויסנלאָזע שרײַבערס, אויסטײַטשערס, אײַצע־געבער — אַגיטאַטאָרס פון דער כעוורע שאַדנטרעגער, אָבסקוראַנטן, אַנטיסאָ־וועטיקער, פּראָפעסיאָנעלע אונטערהעצער.

לאָמיר צונויפשטעלן לויט די פּריש־געבראַכטע מאַטעריאַלן אַ מין „אַנקעטע״ וועגן דעם הײַנטצײַטיקן העלד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, לאָמיר ענטפערן אויף די געוויינלעכע אין סאָציאַלן, עטנאָגראַ־פישן, דעמאָגראַפישן, פּסיכאָלאָגישן זינען פראַגן, וועלכע מע שטעלט אַרויס בייס מע „זוכט אונטער״ אַ געוויסע סורווע צוליב סטאַטיסטיש־וויסנ־שאַפטלעכע צוועקן. דאָס, וואָס אויף די פראַגן וועלן מיר ענטפערן מיט אויסצוגן פון ליטעראַרישע ווערק, וועט באַ קיינעם קיין כידעש ניט אַרויס־רופן, אוודאי ניט קיין דערווידערונג, ווײַל ליטעראַטור, ווייסן מיר, איז דער קינסטלערישער פּינקעס פון דער געזעלשאַפט, די אַנאַטאָמיע פון דער פּערזענלעכקײַט און פונעם קאָלעקטיוו.

קלאָר, אַז טאָן דאַרף מען דאָס אויפן שטרענג־אָביעקטיוון אויפן, זאָגנדיק דערמיט, אַז אַזוי איז עס, און ניט אַנדערש, אומאָפּהענגיק, צי עמעצן גע־

פעלט עס, צי ניט. פריִער פאקטן פונעם לעבן, דערנאָך באַציִונג צו זיי. די רעאַלע ווירקלעכקײַט איז דער פרימאַט, מע דאַרף זי אופנעמען און באַלײַכטן מיט דער שײַן פונעם סייכל.

קורץ — דער קוואַל, פון וועלכן מיר קלײַבן זיך צו שעפּן אונדזערע אײַנדרוקן און אויספירן, איז אַ פרישער און ראַיעלער. זעקס און צוואַנציק הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָבן, יעדערער פון זײַן ווינקל, אונטערגעקוקט עפּעס־וואָס אינעם רעאַלן לעבן פון אונדזער טיפיזירטן העלד, און, ניט האָבנדיק דערויף קיין ספּעציִעלן „סאָציִאַלן זאַקאַז", ווײַט פון טענדענץ און פּאָלעמיק, פאַרצייכנט אויף פּאַפּיר דאָס געזעענע, אַרײַנגעשריבן אַ שטריכעלע אינעם עסקיז פאַר אַ פּאָרטרעט פון דעם מיטצײַטלער.

שטעלן מיר פראַגן, און דער ענטפער וועט קומען פון די אָנגעשריבענע אין איין צײַט, צופעליק צונויפגענומענע אינייִנעם ווערק פון אַזאַ היפּשער צאָל הײַנטצײַטיקע וואָרט־קינסטלער.

1. ווו וווינט דער סאָוועטישער ייִד פון די זיבעציקער יאָרן? ווו איז זײַן „טעריטאָריע"? וועלכע איז זײַן „געאָגראַפיע"? **פאַרשטענדלעך: ער לעבט ניט אין טכום, ניטאָ שוין דאָס „גאַנעקל", מיט דער „סוקע", מיטן „פּריפּעטשיקל", ניטאָ דאָס „שטעטעלע בעלץ", דער בלאָטיקער מאַרק, דאָס געסעלע. ווו זשע געפינט זיך אין הײַנטיקן סאָוועטנפאַרבאַנד דעם ייִדנס מאָקעם־מיקלעט?**

„די קינדער (אוראָמס), כוץ דעם ייִנגערן זון, וועלין, האָבן כאַסענע געהאַט, און זיי זײַנען זיך צעפאָרן איבער פאַרשיידענע מיקראָ־ראַיאָנען (פון מאָסקווע). דער עלטערער זון, גרישע, וווינט אפן וואָלגאָגראַדער פּראָספּעקט, דער מיטלסטער, יעפים — אין כימקי־כאָווערינאָ, לעבן צאָפּנדיקן טײַך־וואָקזאַל; דער ניט כאַסענע־געהאַטער, וועלי, האָט אַ קליין, פײַן אײַנצימערדיק דירעלע ניט ווײַט פונעם אוניווערסיטעט, און די טאָכטער, די באַסיעכידע ליובע, ליובעטשקע, לעבט אין דער „גרינער זאָנע", אויסער דער שטאָט, זי האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ באָכער, וואָס איז ניט קיין מאָסקווער טוישעוו" (**טעוויע געז „און אלטע ליבע"**). „וואָלאָדיע איז אַזש פון נאָוואָסיבירסק. ס'הייסט, ניט פּינקטלעך פון נאָוואָסיבירסק — גוטע עטלעכע סטאַנציעס ווײַטער, פון אַ ייִשעוו אין נאָוואָסיבירסקער געגנט. וואָס ער האָט געטאָן אין טיראַספּאָל? ער איז געקומען צוגאַסט צו אַ שוועסטער. דער שוועסטערס מאַן, אַ געאָלאָג, איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען באַ

זיי אין די געגנטן אין אן עקספעדיציע. די שוועסטער איז אויך א געאָלאָג און איז אויך דעמלט געווען אין אָט דער עקספעדיציע. האָט מען זיך באַקאַנט און מ׳איז זיך געפעלן און מע האָט כאַסענע געהאַט. איצט וווינט דער שוואָגער מיט דער שוועסטער אין טיראַספּאָל...״ (**יעכיעל שרייבמאן „אן אור־אורייניקל״**). „היינטיקן זומער בין איך געפלויגן צוגאַסט אַף סאַכאַלין צו מיין זון וועניען. ס׳איז געווען אין יוני. דאָס אינזדל האָט אונדז באַגעגנט מיט טיף־בלויע הימלען, מיט וועלכע די קאַווקאַזער און קרימער קוראָרטן וואָלטן זיך ניט פאַרשעמט. אינעם אַעראָפּאָרט האָט מיך שוין אָפּגעוואַרט מיט זיין מאַשין וועניע, און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן אין ניוועלסקאָיע — א שטיל ייִשעוול מיט ברייטע אַספאַלטירטע, געדיכט־באַגרינטע גאַסן״ (**העשל ראַבינקאָוו „איבערגעלאָזט אן אָנדענק״**).

וועגן קיין איין ייִדן אין דעם גאַנצן ציקל נייע ייִדישע סאָוועטישע דערציילונגען קאָן מען ניט זאָגן, אַז ער איז געבליבן שטעקן אין די גלופסקן, אין די טונעיאַדעווקעס פונעם אַמאָליקן טכום. און ניט בלויז דערפאַר, וואָס אַליין די טונעיאַדעווקעס, די קאַסרילעווקעס זיינען פאַרשוווּנדן, נאָר ווייל אין דעם סאָוועטישן ייִדן איז לאַכלוטן פאַרשוווּנדן געוואָרן און זיך אויסגעוועפּט יענץ שווער מאַזל. נאָך מער — אויך דאָס שטעטעלע, וווּ ס׳האָבן געלעבט און געמיט זיך אין זייער שוין באַנייטן שטייגער מוישע קולבאַקס „זעלמעניאַנער״, איזי כאַריקס לערערן, הערשל אָרלאַנדס אינזשעניער פון דער הרעבליע, — איז מער ניט (און שוין פון גאַנץ לאַנג) דאָס ווינ־אָרט, דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּלאַצדאַרם פאַר די ייִדן פון דער היינטיקער צייט. און אויך ניט בלויז דערפאַר, ווייל דער רעצייעך־אָקופּאַנט האָט דאָס ייִדישע שטעטל אָפּגעווישט פון דער ערד, נאָר ווייל דאָס שטעטל האָט ביז אן ערעך די דרייסיקער יאָרן אָפּגעטאָן אַלץ, וואָס די געשיכטע האָט אַף דעם אַרופגעלייגט, און אַף א נאַטירלעכן אופן איז דאָס דאָזיקע פאַרבליבענע פונעם טכום ווינ־נעסטעלע פאַרשוווּנדן פון דעם ייִדנס גורל. דער סאָוועטישער ייִד איז פון דאָרט אַריבער — דורך די דניעפּראָבויען, מאַגניטאָגאָרסקן, דורך די ראַבפאַק־אַאודיטאָריעס און טעפּ־לושקעס, וואָס האָבן געפירט אַף ערדאיינאָרדענונג, — איז ער אַריבער צו די ברייטסטע ראַכוועסן פון דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער ציוויליזאַציע, און איצט, אין טויזנט ניין הונדערט זיבן־און־זיבעציקסטן יאָר, הערט אונטער דער ייִדישער סאָוועטישער שרייבער טעוויע גען אַזאַ זאָג (שיינדל דערציילט אוראָמען): — „איך האָב א שטוב אַף דער סטאַנציע קאַראַימ־

סקאיא. האָסט מיסטאמע פון אזא ייִשעוו אפילע ניט געהערט. ס'איז הינטער טשיטא. איך האָב כאסענע געהאט. דער מאן איז געווען אן אינזשעניער"... און שמועל גאָרדאָן שפּירט נאָך, ווּהין און פונוואנען עס וואנדלט ארום זײַן איצטיקער העלד, און ער דערציילט אונדז וועגן דעם: „די דעפּעשע, אז דער טאטע איז געשטאָרבן, האָט געטראָפן נאָכעמען אינעם ווײַטן צאָפּן־יעניסייסק, ווּהין ס'האָט אים געשיקט אין א קאָמאנדירונג דער מאשינבוי־זאוואָד, אף וועלכן ער ארבעט („דאָס ווידערקאָל").

מיר געדענקען אָבער, אז דער זעלבער שמועל גאָרדאָן האָט מיט עט־לעכע יאָר צוריק ארײַנגעבראכט אין דער ליטעראטור א באשרײַבונג פון די פארבליבענע נאָך דער מילכאָמע ייִדישע שטעטלעך, פּינקטלעכער גע־רעדט — פון דעם, וואָס איז פון די שטעטלעך פארבליבן. צי איגנאָרירן עס די אווטאָרן פונעם דערציילונג־ציקל, וואָס איז אָנגעשריבן הײַנטיקס יאָר, און צי לאָזן זיי, אזויארום, מע זאָל קאָנען זאָגן, אז זיי איגנאָרירן אייניקע רעאלע פאקטן און דערשײַנונגען? ניין, אזעלעכס דראָעט ניט דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור. דאָס, וואָס איצט הייסט שטעטל, איז ניט ארויסגעפאלן פון דער פּאנאָראמע פונעם פאָלקס־לעבן. ס'איז אָבער אויך א פאקט, און ער איז פארצייכנט אין דער שאפונג פון די הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער, אז דער טאָך, ניט בלויז דער אויסזען, פון דעם מענטשן־ייִשעוו, וועלכן מיר רופן אָפט נאָך אלץ שטעטל, איז גאָר אן אנדערער, ווי געווען. טעוויע גען שרײַבט אין זײַן דערציילונג: „פאר די לעצטע דרײַ יאָר, וואָס אווראָם איז ניט געווען אין פעסקאָוועץ, האָט מען אין שטאָט אויסגעבויט א נײַעם אעראָוואָקזאל און א נײַעם אײַזנבאן־וואָק־זאל. ביידע געבײַען זײַנען פון בעטאָן און גלאָז. מע האָט אויסגעבויט אף איינעם פון די שטאָטישע ראנדן א נײַעם וווינונגס־מאסיוו און ניט ווײַט פונעם שטאָטישן פּארק א האָטעל — „סטראָ:יטעל"...

(מיר דערמאָנען זיך: „גלופּסק איז א ייִדישע שטאָט מיט אלע פּיש־טשעווקעס... דער מינהעג פון רערן אף אָפּצײַען רעגן־וואסער און פון שטיינערנע בריקלעך פאר די טירן איז דאָ ניט אָנגענומען; דעם צעבער און די טעפּלעך גיסט מען אויס פונקט אנטקעגן טיר, קומען כאזיירים און באָדן זיך ביזן האלדז אין בלאָטע"... (מענדעלע מויכער־ספאָרים „צוריק אהיים"); טונעיאדעווקע — „א פארוואָרפן ווינקל, אינדערזײַט פונעם טראקט, קימאט אָפּגעריסן פון דער וועלט"... און — „איין בלאָטע, ווײַטער א ביסל די צוויי־טע, נאָך ווײַטער א ביסל די דריטע, סאמע די גרעסטע, וואָס אהינצו לויפן

אריַין, מעכילע, אי רינשטאָקלעך, אי באַלעבאַטישע פּאַמאָיניצעס און ברענ־ געון מיט זיך אָן פון קאָלטוור („**מאסאָעס ביניאָמין האשלישי**”).

2. **די צווייטע פראגע אין אונדזער „אנקעטע” וועגן דעם הײַנטצײַ־ טיקן העלד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור איז אזא:** מיט וואָס באשעפטיקט ער זיך? עפּשער האלט ער נאָך אלץ באם פּראָדוקטי־ וויזירן זיך, ווי אין די ערשטע סאָוועטישע יאָרצענדליקער? צי טראָגט זײַן פּראָפעסיאָנעלע באשעפטיקונג א „ספּעציפיש ייִדישן כאראקטער”, אָדער זי שפּיגלט אָפּ זײַן מיטבאטייליקונג אין אלזײַטיקן, אין איצטיקן פּראָדוציר־ און שטייגער־לעבן?

לאָמיר זען, וואָס עס טיילן אונדז מיט וועגן דעם די ערשט־אראָפּגע־ כאפּטע פונעם לעבעדיקן לעבן ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע־שילדערונגען.

דעם מעליאָראטאָרס „זיאמעס מאמע איז ניט געווען צופרידן, וואָס איר זון האָט אויסגעקליבן אזא מעלאָכע. זי פלעגט טײַנען:

— ...איך בעט דיך, זון מײַנער, קריך ארויס פון די בלאָטעס, געווג, וואָס דײַן זיידע, דער טאטע מײַנער, פלעגט אָסיען־צײַט פאר דרײַ גראָשן איבערגעטראָגן אף דער פלייצע די ווײַבער איבער די בלאָטעס, אין מארק ארײַן...

אזוי איז געווען פריִער, ווען כאנציע האָט נאָך ניט פארשטאנען, וואָס עס באטײַט דעם זונס פאך.

בא איר אין שטוב הענגען (איצט) אף די ווענט בילדער, וואָס זיאמע האָט צוגעשיקט פון פארשיידענע אָביעקטן:

— אָט, איר זעט, — ווײַזט זי מיט שטאָלץ אף די בילדער, — אָט דאָ זײַנען געוואקסן בוזיקעס. איצט בליִען סאָניעשניקעס. און דאָ האָט זיך פון היץ די ערד געשפּאָלטן. איצט וואקסן ווײַנטרויבן. דאָרטן, ווו די נאטור האָט בא דער ערד ניט געקאָנט פויעלן, פויעלט בא איר מײַן זיאמע. די ערד ווערט לעבעדיק אונטער זײַנע הענט” (**רוון פוסטילניקאָוו „מאזלטאָוו אײַך, מײַנע ליבע קינדער”**).

די ארבעט בא דעם העלד פון אונדזער נײַער פּראָזע איז ניט גלאט א מיטל צו פארדינען אף דער אויסקומעניש. ס'איז ארײַן אין בלוט בא אים ארומצוטראכטן זײַן סאָציאלן מאצעוו פון א געזעלשאפטלעך־באוווסטזיניקן קוק־ווינקל. אין שמועל גאָרדאָנס שוין ציטירטער דערציילונג איז דער טאטע — ייִצכאָק געגדין — צופרידן, וואָס נאָכעם האָט זיך נאָך דער מיל־ כאָמע באזעצט אין שטאָט, און „ווען די מאמע האָט געפרעגט ייִצכאָקן, וואָס איז אף אים אזוי די געדולע, האָט דער טאטע, וועלכער איז אפן פּראָנט

אויך אַרײַנגעטראָטן, ווי אַלע זייערע זין, אין דער פּאַרטיי, איר דערוף געענטפערט, אַז זי דאַרף זײַן צופרידן, וואָס צווישן די פיר קאָמוניסטן אין דער מישפּאָכע איז אויך פאַראַן אַ פּראָלעטאַריער, אַן אַרבעטער".

ניטאָ אַזאַ פּראָפעסיע, וואָס פאַרן סאָוועטישן ייִדן זאָל זי זײַן פרעמד: „וועניג און ווענאָניקע האָבן באַשטימט מאַכן אַ ליאַמע לעקאָוועד מײַן קומען און אויך טאַקע אָפּמערקן וועניעס נײַע נאָמינאַציע: ביז דעם יאָר איז ער געווען אַ „סטאַרפּאָם", און דאָ ניט לאַנג, אַ פּאָר טעג פאַר מײַן קומען, האָט מען אים אַרויסגערופן אין דער יאַם־פאַרוואַלטונג און פאָרגעלייגט איבערנעמען אַ שיף" (**העשל ראַבינקאָוו „איבערגעלאָזט אַן אָנדענק"**).

און ניט נאָר מעליאָראַטאָרן, אינזשעניערן, שלאָסערס, עקסקאַוואַטאָרשטשיקעס, אָפּיצערן, סטודענטן, וועבערנס, מעכאַניקער, שאָפערן, בויער, געאָלאָגן לעבן זייער פולבלוטיק לעבן אין דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער דערציילונג. ס'איז בא זיי שוין אויך דער איניען קאָסמאָס — **אַ געווײנלעכער איניען.** „אין מאָטלס זוכעניש, אין זײַן רײַסן זיך צו די גאַלאַקטיקעס איז געווען פיל ערדישס, גאַשמיעסדיקס" (**כאַיִם מעלאַמוד „דער דריטער דאָר"**).

3. אויב מיר ווייסן שוין, ווו אונדזער הײַנטיקער סאָוועטישער ייִד לעבט און מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך, איז אוואַדע וויכטיק צו פאַרצייכענען דעם וועג, וועלכן ער איז דורכגעגאַנגען פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער. אין אונדזער פרישן ליטעראַרישן לעבנס־מאַטעריאַל איז פאַרקערפּערט דאָס געשטאַלט פון אַ ייִדן, וואָס „גייט ניט אײַנגעבויגן, די אַקסל — ניט פאַרקײַלעכיקט, דער טראָט אַ גאַנץ פעסטער" (**ט. גען „אַן אַלטע ליבע"**). **צווישן די סימאָנים פון דער** איצטיקער **צײַט טרעפט מען בא אָט דעם ייִדן אפילע אַזאַ:** „ער — אין זײַנע „דזשינסן", אינעם קורצן רעקעלע", — „ער איז געבוירן געוואָרן אַ פּאָר יאָר נאָך די ערשטע ספּוטניקעס, געוואַקסן אינאיינעם מיט די ערשטע קאָסמישע שיפן, מיט די ערשטע קאָסמאָנאַווטן, מיט די לונאָכאָדן" (**כאַיִם מעלאַמוד „דער דריטער דאָר"**). **אָדער אַזאַ סימען פון דער צײַט:** „דער אַעראָפּלאַן „יאַק־40" פליט ניט אַף קיין גרויסע מעהאַלעכס, מערסטנטייל קורסירט ער אַף די אַזויגערופענע אינערלעכע ליניעס, פאַרבינדנדיק איין געגנט מיט דער צווייטער. ס'איז אַ קליין לײַנערל, סאַכאַקל אַף עטלעכע און צוואַנציק פּאַסאַזשירן, ער ראַשט ניט אַזוי ווי די „טוען" און „אילן", נאָר שטילערהייט טוט ער זײַן אַרבעט בײַשליימעס, שלינגט זעקס־זיבן הונדערט קילאָמעטער אַ שאָ. אַוואַדע האָט

ניט באַוויזן אופעסן די פּאָר קאָנפעטן, וואָס ער האָט גענומען פון טאַץ באַ דער סטיואַרדעסע בײַסן אופהייבן זיך אינדערלופטן, ווי... דאָס יאַקל האָט אָנגעהויבן אַראָפּנידערן...״ (ט. גען „אַן אַלטע ליבע״).

(מיר דערמאָנען זיך: „דאָס פערד מײַנס שטייט אין געהאַקטע ווונדן, מיט איין פוס אין דער האָלאָבליע, פאַרדרייט אין די לייצעס, און סאָפּעט ווי אַ גאַנדז. פון יענער זײַט בײַדל שיטן זיך טויטע קלאָלעס, אַף ייִדיש, מיט אַ קײַכן און הוסטן איבײַנעם״... („פּישקע דער קרומער״); אָדער: „ייִדעלעך לויפן הענדום־פּענדום, גאָר אָן אַ נעשאָמע, באַלאָדן מיט זעקלעך, מיט קלומקעס און פּעקלעך, צווישן זיי טויטשען זיך, ניט־טויט, ניט־לעבעדיק, ווײַבער, פּלאָנטערנדיק זיך אין די בעבעכעס מיט אויפעלעך אַף די הענט און מיט קליינע וויינענדיקע קינדער באַ דער זײַט. ס׳איז אַ לויפעניש, אַ שרײַעניש, אַ שטופּעניש, אַן אָנטרעטעניש אַף די פיס, אַ שטויסעניש אין רוקן, אין די זײַטן, אַ קלעטערניש אַף אַלע פיר, אַ דראַפּען זיך אַף די גלײַכע טרעפּלעך פון די וואַגאָנעס פון דריטן קלאַס, אײַנשטעלנדיק זיך דאָס לעבן, צו פאַרכאַפּן דאָרט ערטער באַצײַטנס״... „שעם און יאַפּאַט אין וואַגאָן״).

די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור פון די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן האָט באַוויזן, ווי אַזוי דער דאָר פון פּישקע דעם קרומען איז אַרויס צו פּראָדוקטיווער מי.

4. די פאַרעפנטלעכטע אין אָט דעם נומער „סאָוועטיש היימלאַנד״ דערציילונגען גיבן אונדז אַ מעגלעכקײַט צו ענטפערן אַף נאָך אַ וועזנטלעכער פראַגע — וויאַזוי עס האָבן זיך געענדערט אייניקע זיטן און אומשטענדן אינעם ייִדישן לעבנס־שטייגער. לעמאָשל, ס׳איז קעדײַ אָפּצומערקן דעם נייעם באַדײַט פונעם באַגריף זײַן נאַווענאַד. דער ייִד איז אינעם טכום געווען אַ דאַכקעס־נאַווענאַדיק, אַ מענטש אָן אַ ראַיעלער היים. אַריבערגיין אין אַ מער ווירדיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סוויווע האָט ער ניט געטאָרט, דעריבער האָט זײַן נאַווענאַדעווען באַטײַט — אַרומגיין איבער די הײַזער, און דאָס וואָרט נאַווענאַד האָט אים געשראָקן. די פאָלקס־כאָכמע האָט געוואָרנט: ערד איז אומעטום ערד, מע קאָן אומעטום באַגראָבן ווערן; בעסער אַ נאָענטער גראָשן, איידער אַ ווײַט קערבל; דער שענסטער שפּאַציר איז באַ דער אייגענער טיר; אַז מע זיצט אינדערהיים, צערײַסט מען ניט קיין שטיוול; און גאַנץ לאַקאָניש: דאָרט איז גוט, ווו מיר זײַנען ניטאָ. זאָגט עס דעם העלד פון רוווּן פּוסטילניקאָווס דערציילונג „מאַזלטאָוו אײַך, מײַנע

ליבע קינדער״, זיאמען, וועט ער פון אײַך לאכן. „פאר זיאמען מיט זײַן בריגאדע מעליאָראטאָרן איז קאזאכסטאן דער זעקסטער אָביעקט. די בריגאדע האָט שוין אויסגעטריקנט און באפרוכפערט טויזנטער העקטארן ערד, אף וועלכער עס וואקסט איצט ווייץ און קאָרן, בוימוואָל און רײַז, טיי און ציטרוסן״. סאשע זאלצבערג, דער העלד פון אווראָם גאָנטארס דער־ציילונג „שוועסטער״, פירט זיך איבער פון ווילנע קיין מאָסקווע, אף דער קארל־מארקס־גאס, אינעם אינסטיטוט פון כימישער מאשינבויונג...

וועגן סימכעס בא יידן, וועגן כאסענעס, אשטייגער, האָט דאָס פאָלק שטענדיק גערעדט מיט א צומיש פון ביטערניש. א גרויסע סימכע איז אף א קליינער ווײַלע. הוליע, קאפצן, צאָרעס קאָסטן קיין געלט ניט. די כאַ־סענע איז פון אָנהייב אָן פארשטערט מיט שלעכטע פאָרגעפילן. די קאלע וויינט, דער כאָסן זוכט צו גיין אף קעסט. די מעכוטאָנים דינגען זיך. דער יידישער קרעכץ — דאָס איז, אזוי צו זאָגן, די קאָנקרעט־נאציאָנאלע גע־מיט־באפארבונג פון דעם אלמענטשלעכן שטייגער־אקט. מע פלעגט זאָגן: „א גדולע, די באָבע האָט כאסענע געהאט״ — ניט ווײַל די גדולע, די פרייד אלס אזעלכע איז דערווידער, נאָר ווײַל דער פארגעניגן פון דער פרייד איז פונקט אזא, ווי פון דער באָבעס כאסענע. אין יידישן פאָלקלאָר איז נאציאָנאל בארעכטיקט אזא מין בילדערישער עמאָציאָנעלער איבער־גאנג: „פארוואָס האָט די מיטע נאָר צווי שטאנגען און די כופע פיר? — ווײַל דורך דער מיטע באגראָבט מען נאָר איין מענטשן און אונטער דער כופע צוויי״...

(מיר דערמאָנען זיך: דער ייד אין טכום האָט ניט געקאָנט זיך פארגיי־נען האנאָע צו האָבן פונעם לעבן — „אלצדינג, וואָס ער געברויכט דאָ אף דער וועלט, (איז) ניט צוליב דערהאלטן דעם גוף און פון זײַן האנאָע וועגן, נאָר צוליב דעם, קעדיי מעקײַעם זײַן א מיצווע. זיי האָבן געגעסן, אשטיי־גער, אין א וואָכעדיקן טאָג, קעדיי צו מאכן „האמויצי״ און בענטשן, און שאבעס אויך, קעדיי מעקײַעם צו זײַן „שאָלעש־סודעס״, זיי האָבן פארזוכט זומער די פיירעס, קעדיי מאכן בראָכע מיט א „שעכעיאָנו״. ווײַן האָבן זיי געטרונקען פייסעך, מעקײַעם צו זײַן ארבעקויסעס. זיי האָבן כאסענע גע־האט ניט ווי אלע אנדערע לײַט, נאָר אפן יידישן שטייגער, קעדיי מעקײַעם צו זײַן די ערשטע מיצווע״... „דאָס ווינטשפינגערל״).

דער געמיט־צושטאנד בא דעם מאסן־מענטש האָט זיך הײַנט ראדיקאל געענדערט. נאָך מער: אויב אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור

פון די 20־ער — 30־ער יאָרן קאָן מען זען, ווי־אַזוי ס'איז געגאַנגען דער פּראָצעס, דער קאַמף, אין רעזולטאַט פון וועלכע די ענדערונג איז צו שטאַנד געקומען, **זעען מיר אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור פון די 70־ער יאָרן, אַרײַנגערעכנט די איצט פאָרגעלייגטע 26 דערציילונ־גען,** דעם נײַעם מאַצעוו **אין אַ קימאַט פאַרענדיקטער פאָרם, און מיר איבערצײַגן זיך, אַז אין אַט דעם זייער דעליקאַטן אומשטאַנד, אין וועלכן עס פילן זיך די אָפּקלאַנגען, געוויינלעך, פון דעם סאַמע וועזנטלעכן אינעם פאָלקס־לעבן — פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער רעכטלאַגע, פון דער נאַציאָנאַלער פּאָטענץ אין דער מאָדערנער עפּאָכע, פון דער מאָס צוגעפּאַסטקײַט צו אָביעקטיווע באַדינגונגען, — אין אַט די אינטימע, אָבער** געזעלשאַפטלעך וויכטיקע **געביטן האָט זיך** איצט **דעם ייִדישן מאַסן־מענטש אין סאָוועטנפאַרבאַנד אײַנגעגעבן, פון איין זײַט, אָפּהיטן דאָס טאָכיקע, וואָס עס אַנטהאַלט די טראַדיציע, און, פון דער צווייטער זײַט, אַרײַנשטעלן די טראַדיציע אין אַ ראַם פון מאָדערנע און אינטערנאַציאָנאַלע פאָרמען.**

„— טאַקע אײַך, כאַווערטע אַגיטאַטאָרקע, זוך איך דאָ.

דער ניט אינגאַנצן געזונטער זאָקן, נאַכמען־בער, איז געקומען אַהער צו פאַרבעטן פייגעלען צו זיך אַהיים אויף דער קליינינקער סימכע, וואָס זיי פּראַווען לעקאָווד דעם אייניקל, וועלכער ענדיקט דעם פּאָליטעכנישן אינס־טיטוט און פאָרט אויף לאַנג אַוועק אין די ווײַטע קאַלטע מעקוימעס" (**כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו „די וועבערן"**).

„— איך בין מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געווען אויף אַ כאַסענע אין דניעפּ־ראָפּעטראָווסק, — קלערט אויף לוקיטש זײַן געדאַנק. — אַן עמעס ייִדישע כאַסענע מיט יענע לידלעך, מיט יענע טענץ, ווי אַמאָל אין שטעטל. אַלץ, ווי אַמאָל, און אַלץ גאָר אַנדערש. מע קאָן אַלץ אַפילע זאָגן — אַן אינטערנאַציאָ־נאַלע כאַסענע, ווײַל ס'איז דאָרט געווען דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל. און לידלעך — פון גאָר דער וועלט. נאָר דאָך, ווי זאָל איך דיר דאָס געבן צו פאַרשטיין"... (**כאַים מעלאַמוד „דער דריטער דאָר"**).

יעכיעל שרײַבמאַן ברענגט אַרויס אין זײַן דערציילונג דעם באַקאַנטן פון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור לעך־לעכאָ־מאָטיוו. דער באַהאַוונטער נאָוועליסט באַגייט זיך אָן סוזשעט־דערפינדונגען. ערטערווײַז זעט אויס זײַן שילדערונג מאַמעש ווי אַ בלאַט פון „טעוויע דעם מילכיקן":

„ערגעץ אין אַ דערפל אויף פּאָדאָליע האָט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק גע־לעבט אַ ייִד בערל, בערקאָ, ווי דאָס דאָרף פלעגט אים רופן. אַ ייִד אַן ערד־

אַרבעטאָרער, אַ פּויער... דאָס שטיקל ערד זײַנס, די יערושע־כאַטקע מיטן פֿאַרמאָכיקטן דעכל, די פֿאַרטאָגן און די פֿאַרנאַכטן, די דאָזיקע גאַנצע היים מיטן גאַנצן אַרום אירן, האָט ער ליב געהאַט מער, ווי אַלץ אין דער וועלט. ער האָט זיך גאָרניט אָפּגעגעבן קיין כעזשבן דערפֿון. עלעהיי אַ בוים גיט זיך ניט אָפּ קיין כעזשבן, אַז ער אָטעמט און גרינט. ביז אין איינעם אַ טאָג זײַנען דער סטאַראָסטע און דער סאָטסקע פֿונעם דאָרף שטיין געבליבן באַ אים אין הויף מיטן גוטן פּאַפּירל אין דער האַנט. געקומען דעם בוים אויסהאַקן און אויסוואָרצלען. — מיר דאַרפֿן דיך, בערקאָ, פֿונעם דאָרף אַרויסטרײַבן. אָט האָסטו אַן אוקאַז!"

דערנידערנדיק און אַכזאָריעסדיק איז געווען דער זשאַנדאַרמישער לעך־לעכאָ בענעגייע דעם אײַנגעזעסענעם ייִדישן בירגער פֿונעם לאַנד. לעך־לעכאָ, גיי דיר... אַף צו באַצייכענען דעם צאַרישן אומזין האָבן רעליגיִעזע ייִדן אונטערגעקליבן אָט דאָס וואָרט לויטן נאָמען פֿון דער דריטער סעדרע פֿון דער וואָך. סאַרא יעזויִטישע „איידלקײַט": גיי דיר, בערקאָ, ניטאָ קיין אַנדער ברײרע — אָט האָסטו אַן אוקאַז... מע דאַרף געדענקען, אַז באַ די אויסוואָרצלער פֿון געזונטע האָרעפּאַשנע מענטשן איז געווען נאָך אַן אַנדער מעגלעכקײַט: אַנווענדן קויעך, און דאַן איז די דריטע סעדרע פֿון דער וואָך — לעך־לעכאָ פֿאַרביטן געוואָרן מיט דער זיבן־און־דרײַסיקסטער סעדרע שלאַך־לעכאָ — שיק דיך, דה.״ גייסטו ניט אַליין, וועל איך דיך שיקן מיט קויעך. אַזאַ איז געווען די טכום־ווירקלעכקײַט. יעכיִעל שרײַבמאַן נוצט זיך מיט אַלטן מאַטעריאַל. ער האָט, קאָן מען זאָגן, פֿאַרכאַפּט אַפּילע פֿריִער פֿאַר דעם פּעריִאָד פֿון די ערשטע נאָכאָקטיאַבערישע יאָרצענדליקער, ווען די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור האָט באַוויזן, ווי ס'איז אָפּגעשאַפֿן און אויסגעלעבט געוואָרן דער לעך־לעכאָ און ס'זײַנען קורץ שוין די הענט באַ די, וואָס האָבן געהאַלטן פֿון שלאַך־לעכאָ. אָבער יעכיִעל שרײַבמאַן ציט ווײַטער דעם צײַט־פֿאָדעם אין זײַן דערציילונג. מיר לייענען:

„אײַ, ווען ס'קאָן געמאָלט זײַן אַף דער וועלט אַזאַ זאַך — איך זאָל אָנעמען דעם אַלטיטשקן זיידן באַ דער האַנט און זאָל מיט אים אומשפּאַצירן איבער די שיינע גאַסן — זעסט, זיידעניו, ווו דאָס אור־אורייניקל דײַנס לעבט? אין סאַמע־סאַמע קיִעוו. אָט דאָרט־אָ, אַף יענער זײַט דניעפּער, אין נײַעם זעכצנגאָרנדיקן הויז. פּאַוואָליע, זיידע, אָט הייבן מיר זיך אויף מיטן ליפֿט..." **באַ די סאָוועטישע קיִעווער שילדערער פֿון די 20־ער — 30־ער**

יאָרן איז ניט געווען קיין מיקראָ־ראיאָן אף יענער־זײַט דניעפּער, אנטקעגן דעם אלטן קיִעוו. זייער העלד, בערקאָס אייניקל, ניט דאָס אור־אייניקל, האָט דעמלט ניט געקאָנט זאָגן, אז ער ווױנט אין א זעכצנגאָרנדיק הויז. יעכיִעל שרײַבמאַנס יידישער פּערסאָנאַזש לעבט אין א שפּעטערדיקער צײַט, אין די זיבעציקער יאָרן. און ווײַל אין דער קאָמפּליצירטער ווירקלעכקײַט פון אונדזערע טעג האָבן זיך באוויזן ליבהאָבער פון שלאָך עס אמי — „שיק ארויס מײַן פּאָלק״, וואָס עס איז א ציִעניסטישער ארויסרוף, ס׳זאָל ווידער זיך דערהערן דער פּאַרשאָלטענער שלאָך־לעכאָ — שיק דיך, אבי דער ייִד זאָל זײַן געצוווּנגען צו איבערוואַנדערן קיין יִיסראָעל, — דעריבער איז יעכיִעל שרייבמאַנס דערציילונג אין פולסטן זין פון וואָרט הײַנטצײַ־טיק, און זי איז, צווישן אנדערס, א גוטער שנעל אין נאָז די ציִעניסטישע שלאַכטאַמיטניקעס.

5. פון דעם ברייטן קרײַז פראַגן, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער פיל־נאַציאָנאַלער סאָוועטישער געמיינשאַפט, אין וועלכער עס לעבט דער יידי־שער פּערסאָנאַזש, וועלן מיר אויסקלײַבן איינע, די סאַמע טיפּישע, ארום וועלכער עס פאָרען זיך יידישע שרײַבער, זינט די יידישע ליטעראַטור איז א ליטעראַטור. דאָס איז די פראַגע וועגן דעם פּסיכאָלאָגישן קלימאַט פון לעבן צוזאַמען, פאַרשטיין איינס דאָס אנדערע, קעגנזײַטיק באווירקן, דער־נעענטערן און לעסאָף צוזאַמענשליסן זיך, אויסגלײַכן צווישן זיך די שטיי־גער־טאָגטעגלעכקײַטן.

ס׳איז באוווּסט די פאַרשאָלטענע פּראָבלעם „ייִד — גוי״. די ביז־אָקטיאַ־ברישע יידישע ליטעראַטור איז ניט זעלטן געווען פאַרכאַפּט פונעם נעגאַ־טיוון קלאַנג פון אָט דער פּראָבלעם. אָבער וואָס נעענטער צו דער קלאַסיק און, פאַרשטייט זיך, בא די קלאַסיקער גופא איז דער צוגאַנג א פאַראַנט־וואָרטלעכער און אלמענטשלעך פּראָגרעסיווער. געהאָלפן האָט דאָס לעבן אליין, וואָס האָט מיטן אופקום פונעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, בייס די קלאַסן־שלאַכטן און רעוואָליוציאָנערע אופּברויזן, געקאָוועט דעם קעגנ־זײַטיקן פאַרשטאַנד פון די פעלקער. דערבײַ איז טיפּיש געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור ניט בלויז דער שוין אויסגעפאָרמירטער פּעדקע־האָדל־בונד (אין „טעוויע דער מילכיקער״), נאָר אויך דער פּראָצעס פון אײַנפאַרשטענדיקײַט, דאָס צוקוקן זיך צום לעבנס־שטייגער פון די יידן אין טכום מיצאַד דער ארומיקער ניט־יידישער סוויווע, וועלכע האָט אלס קלאַל זיך באַצויגן צו דעם פאַרשלייערטן אין מיטלאלטער, אײַנגעשלאָסע־

נעם און ניט פאַרשטענדלעכן שטעטל־לעבן מיט מיטגעפיל און מיטלײַד.

(מיר דערמאָנען זיך אין דעם נאַיִוון אַמכאָ־פאָלקישן מאָנאָלאָג: „—שאַבעס, פרײַטיק־צונאַכטס, קום איך צו שמועלן אין שטוב פאַרלעשן די ליכט,— דערציילט יורקע דער שאַבעס־גוי,— אפן טיש בא אים איז כאַלע, קעלישקעלעך, א פלעשל בראַנפן, שאַרפער, טאַקע וואָס בראַנפן הייסט, און דער רייעך פון פיש פאַרגייט מיר אין דער נאָז. שמועל זיצט זיך באַם טיש, דאָס פּאָנעם שײַנט אים, און ער טערעלייקעט, מורמלט אונטער, עפּעס קלאָגנדיק, וויינענדיק, עפּעס בעט ער זיך ווי א קינד, אַלץ טאַקע: אוי־אוי, טאַטעלע, מאַמעלע! איך ווייס ניט, וואָס ער וויל! כאַלע איז דאָ — עס! בראַנפן איז דאָ — טרינק! צו וואָס, הא, וויינען? באַסיע זײַנע אָבער ווייסט, גייט זי און ברענגט אים צימעס. עסט ער אָפּ דעם צימעס און ווײַטער טאַקע געטערעלייקעט, ווײַטער טאַקע געוויינט. איך שטיי, ווונדער מיך, און דאָס האַרץ רײַסט מיך פאַר ראַכמאָנעס אף אים". „דאָס ווינטשפּינגערל").

א סאַך וואַסערן זײַנען אָפּגעפלאָסן, אָנהייבנדיק פון דער צײַט, ווען אָט די ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן, און ביז היינט, ביז דער אָרגאַנישער צוזאַמענגעלעבטקײַט פון וואַסילי לוקיטשן און שאָלעמען, וועגן וועלכער מיר דערוויסן זיך פון כאַיִם מעלאַמודס דערציילונג „דער דריטער דאָר". די אַרויסגעקומענע פון פאַרשיידענע פעלקער פּערסאָנאַזשן — וואַסילי לוקיטש און שאָלעם — זײַנען געוועזן אַמאָל שכיינים אינעם שטעטל. לוקיטש האָט געוווינט „אין דעם שטילן דאָרפישן טייל, ניט ווײַט פונעם טײַך", און שאָלעם „אין איינעם פון די אייבערשטע שטעטלשע געסלעך, וואָס זײַנען געווען פול מיט רויש און מיט שטויב". נאָך דער מילכאָמע לעבן ביידע מישפּאָכעס — די ייִדישע און אוקראַיִנישע — „אין דער אַלטער רוסישער שטאָט בא דער וואָלגע". עס קומט אוף דער צווייטער דאָר: „לוקיטשס זון, אַנדריי, איז אַן אָנגעזעענער אינזשעניער, א נאַטשאַלניק פון א גרויסן צעך, און שאָלעמס זון, נאַכמען, איז א היסטאָריקער". ווען בא אַנדרייען איז געבוירן געוואָרן א מיידעלע, האָט מען דעם געגעבן א נאָמען נאָך נאַכמענס מאַמען. כאַריטינע, אַנדרייס מאַמע, „האָט נאָך ניט געהערט, מע זאָל אַן אוקראַיִניש מיידעלע א נאָמען געבן נאָך א ייִדישקע", און דער אויספיר איז: „זײַנען זיי אף דער עלטער געוואָרן נאָך שטיקלעך קרויווים". מע האָט דאָס מיידעלע גערופן מיריאַם־מירעלע־מאַריטשקע, יעדערער אף זײַן אויפן.

6. די „אַנקעטע“ קאָן מען פֿאָרזעצן און פֿאָרזעצן. און וואָס פֿאַר א פּראַגע עס זאָל ניט געשטעלט ווערן אין שײַכעס מיט דעם סאָוועטישן ייִדן פֿון די 70־ער יאָרן — ווי־אַזוי ער זעט אויס אין שפּיגל פֿון דער מיטצײַטלערישער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועט דער ענטפֿער, אָן סאָפּעק, זײַן אַן איבעראַשנדיקער פֿאַר „מענטשן פֿון דער זײַט“ און אַ קלאָרער און פֿאַרשטענדלעכער, און איינצײַטיק אַ גענוג באַדײַטונגספֿולער לויט דער ווערט פֿון דער פֿאַרסאַכאַקלטער אינפֿאָרמאַציע, — פֿאַר אונדז אַליין.

ווען מיר די „פֿולע אַנקעטע“ איבערלאָזן פֿאַר ספּעציעלע פֿאָרשונגען, און, האַלטנדיק פֿאַר פֿולשטענדיק דערוויזן דעם אָנפֿאַנג־טעזיס פֿון אָט דעם אַרטיקל, דעהײַנע — אַז אַזוי ווי די צײַטן זײַנען הײַנט אין טאָך אַנדערע, איידער אין די ערשטע סאָוועטישע יאָרצענדליקער, אַזוי איז אויך דער סאָוועטישער ייִד אַן אַנדערער, וועלן מיר דאָך בײַ דער איצטיקער געלעגנהײַט אָנקומען נאָך צו איין פֿראַגע, ניט ווילנדיק זי פֿאַרבײַגיין, ווײַל אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַרישער סוויווע, סײַ בײַ מינדלעכע פּאָלעמיקעס, סײַ בײַ שריפֿטלעכע (אָפֿט אַף די זײַטן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“), ווערט אָט די פֿראַגע מיט טעמפּעראַמענט דעבאַטירט.

האָבנדיק שוין פֿאַר זיך דאָס רעאַלע געשטאַלט פֿונעם איצטיקן סאָוועטישן ייִדן לויט די 26 צונויפֿגענומענע אין איינע זשורנאַל־טעוועלעך פּריש־הײַנטצײַטיקע דערציילונגען, ווענדן מיר זיך צו דער לעצטער ווײַט־ווײַט ניט פֿאָרמעלער פֿראַגע: ווי־אַזוי רופֿט ער זיך, אונדזער ייִד־מיטצײַטלער? וואָס פֿאַר א נאָמען גיט ער זײַנע קינדער און אייניקלעך? און צי „אינטערנאַציאָנאַליזירט“ ער אויך זײַן אייגענעם „אַלטן“ ייִדישן נאָמען? דעם עמעס געזאָגט, איז איינע פֿון די סיבעס, פֿאַרוואָס מע דאַרף דאָ ניט פֿאַרבײַגיין אָט די פֿראַגע, אַ קאָנטערפּראָפּאַגאַנדיסטישע. אונדזערע אידייִשע אָפּאָנענטן אין אַמעריקע, לעמאָשל, פֿירן זיך אויף אין דעם פּראַט גאַנץ מאָדנע. בײַ אַליין ווערט מען, אָן קיין שום קאָפּווייטעק דערפֿון, פּאָול אָנשטאָט פֿײַסעך, אייבערעהעם אָנשטאָט אַווראָם, סעם אָנשטאָט שמועל אאַז״וו. פֿאַרקרימט מען זיך ווי פֿון אַ ביטערער זאַך, ווען מע דערוויסט זיך, אַז אַ ייִד אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט אַ נאָמען געגעבן זײַן זון פּאַוועל און ניט פֿײַסעך.

לייענענדיק די דערציילונגען אין דעם נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכן מיר באַהאַנדלען, קאָן מען זאָגן, אַז אין דער פּראַקטיק גיט די נײַס־

טע סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור א ריכטיקע, אין גרונט, באַלײַכטונג פון דער דאָזיקער פראַגע, דערבײַ ווײַזט זי ארויס שארפזין און אויך באַהאוונטקײַט אין די קאָמפּליצירטע, אמאָל גאַנץ פריילעכע פּראָטים.

מע דאַרף האָבן א באַזונדערס פילבאַרן כוש צום לעבעדיקן לעבן, קעדיי אָנשרײַבן:

„...די לערערן פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור יענטע מענדעלעוונע (די שילער רופן זי יעלענא מענדעלייעוונא)״... (בראָכע און אַרן בורשטיין „שפּײַז פאַר א גאָלדן פישעלע״). אין דער דערציילונג „די וועבערן״ (כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו) הייסט די מאַמע פייגעלע, דער זון — סלאַוויק. ס'איז ניט אומבאַדינגט, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אָנעמען א רוסישן אייגננאָמען זאָל בײַ די ייִדן פונעם יונגן דאָר ווערן א קלאַל, אָבער אויב אַזוינס געשעט, און אין די הײַנטיקע באַדינגונגען איז עס בעפיירעש ניט קיין זעלטנהײַט, באַטײַט עס ניט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק גייט אונטער...

און צום שלוס א טשיקאַווע שטעל אין טעוויע גענס דערציילונג: „טין באָריסאָוויטש איז אַן אַלטער אַרבעטער, פיל יאָרן האָט ער אָפּגעאַרבעט אַלס שלאָסער אפן פעסקאָוועצער זאַוואָד „איליטש״, איצט איז ער, אַזוי ווי אַוראָם, א פענסיאָנער. דעם נאָמען „טין״ האָט מען אים געגעבן אַף א קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג אין 1922, צי אין 1923 יאָר. די נײַע וועלט האָט דאַן אויך געבראַכט נײַע נעמען. דעם אַלטן אַרכאַישן נאָמען שלוימע האָט מען אַף יענער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג פאַרבראַקעוועט, און זי האָט איינשטימיק באַשלאָסן, אַז שלוימע זאָל הייסן „טין״ — „טרעטי אינטערנאַציאָנאַל״ — און אַזוי איז געבליבן. אויס שלוימע, נאָר טין. שפּעטער האָט מען אים גענומען רופן טין באָריסאָוויטש. אַוראָמס אוראַלטער נאָמען איז ניצל געוואָרן, ווײַל אַלע גוטע, קלינגענדיקע נײַע נעמען האָט מען שוין געהאַט פאַרטיילט״...

עס ווילט זיך ניט באַלעסטיקן מיט, זאָל זײַן, זייער נוצלעכע און אין אַן אַנדער אָרט אומבאַדינגט נייטיקע ראַיוינעס וועגן ליטעראַטור און הײַנטצײַטיקײַט דאָס דאָזיקע נאָכוואָרט, וואָס באַגלייט א קאָנקרעטן ציקל דערציילונגען און האָט זיך אַרופגעשלאָגן, ווי פון זיך אַליין, אַף אַזאַ זעלטענער טעמע, ווי אָט די „אַנקעטע״ מיט ברענענדיק־אַקטועלע פראַגן און ענטפערס וועגן דעם איצטיקן מאַצעוו פון די סאָוועטישע ייִדן.

ס'איז א גליקלעכער צופאל, וואָס וועט האָפנטלעך, פארדינען בא דעם לייענער צוטרוי אדאנק דער גרויסער צאָל שעפערישע פערזענלעכקײַטן, וועלכע האָבן, אומאָפּהענגיק איינער פונעם צווייטן און ניט האָבנדיק קיין אנדער ציל, אויסער אָנשרײַבן א גוטע, עמעסדיקע דערציילונג, צוגעשטעלט אָט דעם ווערטפולן מאטעריאל אף צו מאכן קלאָר די פראגעס, מיקויעך וועלכע עס הערן זיך אָפּט פוסטע, אפילע בייזווייליקע רייד.

נו, און אויב ס'קאָנען זיך געפינען מענטשן, וועמען עס וועט זיך דאכטן, אז גופע דאָס צונויפשטעלן אזא נומער „סאָוועטיש היימלאנד" און דאָס ארויסבאקומען פון אים א פאראלגעמיינערטן סאכאקל איז אן אנטפלעקונג פון פארטייישן צוגאנג צו קינסטלערישער ליטעראטור, ווען מיר ברענגען אן ארויסזאָגונג פון אזא אָלימפּיש־באדאכטן דיכטער, ווי וואָלפגאנג געטע, וועלכער האָט אין זײַנע „געדאנקען אין פראָזע" לײַדנשאפטלעך אויסגערופן: „איך קאָן צוזאָגן זײַן אופריכטיק, נאָר זײַן א ניט־פארטייישער — קאָן איך ניטו!"[1]

אגעוו, די דאָזיקע ארויסזאָגונג געטעס האָט, לויט גוויסע־איידעס פון מיטצײַטלער, ארופגעפירט וויסאריאָן בעלינסקין אפן געדאנק אָנצושרײַבן וועגן אים פאָלגנדעס: „געטע ווי א קינסטלער, ווי א פאָעט, איז געווען אין דער פולער מאָס א זון פון זײַן לאנד, פון זײַן עפּאָכע, ער האָט אין דער פולער מאָס אויסגעדריקט, אויב ניט אלע, איז אסאך פון די וועזנטלעכסטע זײַטן פון דער הײַנטצײַטיקער פאר איםווירקלעכקײַט... יאָ, אין געטעס פערזאָן האָט די קונסט גערינט דעם לעבן, אָדער, בעסער גערעדט, אויסגעדריקט דאָס לעבן"...[2]

מע קאָן מיט א געפיל פון טיפער באפרידיקונג זאָגן, אז דאָס, וואָס די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור האָט געקאָנט ארויסגעבן אן אָרדנטלעכן זשורנאל־נומער, וואָס באשטייט דורכויס פון דערציילונגען מיט הײַנטצײַטיקער טעמאטיק, איז א באווײַז, אז זי איז א לעבנספייִקע, דינאמישע, נוצלעכע, געזונטע ליטעראטור, וועלכע לעבט מיט די אינטערעסן פונעם לאנד און פון דעם פאָלק.

ארן ווערגעליס

[1] Coethes sämmtliche Werke, Druck und Yerlag Philip's Reclam un. Band 3, Seite 106.

[2] В. Белинский. Полн. собр. соч. в 11 томах, т. XI, стр. 67—68, СПБ, 1900—1917.

אינהאלט

ייִדן אין פּסר . . . 3

ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט — ביראָבידזשאַן . . . 19

אַפן קולטור־געביט

דאָס ייִדישע בוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד . . . 30

ייִדישע און העברעיִשע פאָנדן אין דער לעניִנגראַדער עפנטלעכער ביבליִאָטעק . . . 37

די גרינדונג פון א נייַעם ייִדישן מוזיקאַלן טעאַטער . . . 45

נאָך איין גליקלעכע באַגעגעניש . . . 55

קינסטלערישע אויספורעמונג . . . 69

ייִדישע שפּראַך אין די שולן פון ביראָבידזשאַן . . . 75

צו דער געשיכטע און דעם איצטיקן מאַצעוו פון דער לעניִנגראַדער ייִדישער קעהילע . . . 78

אַרום דער פראַגע וועגן קאָנטאַקטן צווישן בירגער פון פאַרשיידענע לענדער, וועגן אַרויספאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און אַרייַנפאָרן אַהין 83

אונדזער היימלאַנד האָט זיי געקרוינט מיט רום . . . 87

אַזוי לעבן מיר . . . 96

סאָוועטישע ייִדן: פאַקטן און ציפערן

מ., סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ 1980, 128 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
ס. טשערניאַק, יע. קאַפּלאַן
קאָרעקטאָר — ב. גערשמאַן

СОВЕТСКИЕ ЕВРЕИ: ФАКТЫ И ЦИФРЫ

М., «Советский писатель», 1980, 128 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.05.80. Подписано к печати 26.06.80.
Формат 70×108¹/₃₂. Бумага типографская № 1.
(Условн. печ. л. 4,9.) Уч.-изд. л. 5,55. Заказ 2302.
Редакция журнала «Советиш геймланд»
101000. Центр, ул. Кирова, 17

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" N 9—10 1980

© Журнал «Советиш геймланд», 1980.